STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03162

LABIRINTN FUN GEDANK

Yaakov Cahan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב כהן

יעקב כהן

לאַבירינטן פון געדאַנק

(אַפאָריזמען און שפּריכווערטער)

ווי אין טונקעלע לאַבירינטן פונעם לעבן,
בלאָנדזשען מיר אין די לאַבירינטן פון געדאַנק.
פון זיינע געדרייטע וועגן —
איז שווער צו געפינען אַן אַרויסגאַנג.

דער מחבר דאַנקט דעם קאָמיטעט פון די „ביאַלער־פּאָדליאַסקער“, ווי אויך דעם אַנאָנימען קולטור־פריינט אין פּאַריז, פאַר זייער מיט־הילף צום דערשיינען פון בוך.

אין דער היגער אַטמאָספערע פון קולטור־האַנדל און פּאָליטיקאַ־נעריי איז עס אַ טריט פאָראויס.

פ א ר ל א ג „ט ש א פ נ י ק“, פ א ר י ז.

1951 פאַריז

JACOB KAHAN

LABIRINTN
FUN GEDANK

הילע און פּאָרטרעט געצייכנט פון מאָלער ב ע ן.

Printed in France. Copyright by J. Kahan.

PARIS **1951**

אַריינפיר

די געדאַנקען און געפילן פון דאָזיקן בוך, זענען אויפגעקומען אינעם מוח און אין האַרץ פון מחבר. דער קערן פון די דאָזיקע מעדיטאַציעס איז לכתחילה אויפגעשוואומען אינעם באַוואוסטזיין פון מחבר ווי אַ מין „חומר היולי". נאָר באַלד ווי דער דאָזיקער קערן — איז אַרויסגעקראָכן ווי אַ פאַרבאָרגענע רייפקייט פון מחברס אונטערבאַוואוסטזיין, האָט ער אים — ווי אָנגענומען ביי דער האַנט און געבעטן: — „קנייט מיר אויס פונעם דאָזיקן כאַאָס, פאָרם מיך און ברענג מיר אַרויס". דאָס האָט דער דיכטער געטאָן. און הגם די מענטשלעכע געדאַנקען בכלל זענען נישט בראשיתדיק־אָריגינעל — ווייל, „די קלוגשאַפט, וואָס קומט נישט פון דער דערפאַרונג, טראָגט קיינער נישט און דעם כישוף פון נישט פאַראַנענעם קען קיינער נישט באַווייזן". („חכמה און אומוויסן", קאַפּיטל 9), זענען זיי אָבער אַ פּראָדוקט פון מחברס טראַכטן און פילן.

*

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דריי און צוואַנציק קאַפּיטלען לויט די זאַכן וואָס קומען אַריין אינעם בוך. הגם זיי זענען נישט שטרענג געאָרדנט, זענען זיי אָבער צוגעקליבן לויט די מעגלעכקייטן.

די סתירות — אויב אַזעלכע זענען פאַראַן — געהערן נישט צום מחבר, נאָר, צום לעבן אַליין... דאָס זענען טאַקע די לאַבירינטן פונעם געדאַנק, פון וועמענס געדרייטע וועגן ס'איז שווער צו געפונען אַן אַרויסגאַנג.

דער מחבר בעט ביים לייענער אַנטשולדיקונג, אויב געוויסע געדאַנקען־וואַריאַנטן חזרן זיך איבער. ער האַלט דאָס נישט פאַר ליטעראַריש שעדלעך.

אויב אַן אַפאָריזם אָדער שפּריכוואָרט איז אויף אַ געוויסן אופן ערגעץ פאַ־ראַן, הייסט דאָס נישט אַז דער שרייבער האָט אים פון ערגעץ גענומען.

מענטשן וואָס דענקען, קענען זיך דערטראַכטן צו ענלעכע אויספירן.

די דיאַלאָגן וואָס קומען אַריין אינעם בוך הגם דערציילעריש געבויט, פאַר־רעכנט זיי דער מחבר צו דער זעלבער אַפאָריזם־משפחה.

דאָרט וואו ס'ווערט באַנוצט אַ פרעמדער געדאַנק כדי צו מאַכן פון אים אַן אַפאָריסטישן אויספיר, ווערט ער געבראַכט אין גענדזן־פיסלעך.

דאָס לעצטע קאַפּיטל פונעם בוך, „פאָלק און יידישקייט", אַנטהאַלט נאַציאָ־נאַלע אַפאָריזמען געווידמעט דעם יידישן פאָלק. דאָס איז אויך מיין באַשיידענער צושטייער פאַר אַ מצבה אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון די אויסגעשאָכטענע זעקס־מיליאָן יידן אַריינגערעכנט מיין משפחה און נאָענטסטע, וועמענס גורל איך האָב פאַראויסגעפילט נאָך אינעם מאָמענט, ווען די אייזערנע טויערן פון די ביאַ־ליסטאָקער תפיסה האָבן זיך אונטער מיר פאַרמאַכט; ווי אַ שוואַרצע מחיצה צווישן מיר און זיי אויף אייביק. באַזונדערס פאַר מיינע פאַרשניטענע ייִנגעלעך וואָס האָבן אין דער ביטערסטער שעה (17-9 1940) פון זייער פאָטערס נסיון — אַן איינגעקלעמטער אין די וויסטענישן פון קאַרעלאָ־פינלענדישן קאָנדעלאַקשאַ, אים געשיקט זייערע פון אייגענעם מויל אָפּגענומענע פּראָדוקטן מיט דער צושריפט: „מיר בענקען; דערוואַרטן דיך אומגעדולדיק".

אָ ווי עס שפּיזלען און בריען די דאָזיקע ווערטער אינעם האַרץ פון אַ שווער געטראָפענעם פאָטער, וואָס קיין שום פלייץ פון בלוט און טרערן, וועט נישט זיין בכוח זיי אויסצומעקן פון זיין האַרץ און זכרון.

* *
*

דאָס בוך הייסט „לאַבירינטן פון געדאַנק". געמיינט — אַזוי־ווי דאָס מענטש־לעכע לעבן איז אַ לאַבירינט אַזוי זענען אויך די מענטשלעכע געדאַנקען ווי די פונקען פון דאָזיקן לעבנס־פלאַם, ל א ב י ר י נ ט ן.

די קאָנצעפּציע פונעם בוך קומט צום אויסדרוק אינעם לעצטן אַפאָריזם פון „לעבן און טויט" (קאַפּיטל 20).

דער מחבר

אינהאַלט:

1. חלום און וואָר — 7
2. שיין און שאָטן — 12
3. בליאונג און וועלקונג — 16
4. שיינקייט און מיאוסקייט — 18
5. שטאַרקייט און שוואַכקייט — 20
6. גוטס און שלעכטס — 22
7. אמת און שקר — 27
8. גאָט און אָפּגאָט — 37
9. חכמה און אומוויסן — 40
10. ווילן און אומבאַהאָלפנקייט — 48
11. גרענעץ און אונענדלעכקייט — 56
12. דויער און פאַרגאַנגלעכקייט — 59
13. וועג און וועגלאָזיקייט — 69
14. ליבע און האַס — 71
15. גענום און נזירות — 74
16. גייסט און חומר — 76
17. פלאַם און כוואַליע — 82
18. פרייד און לייד — 84
19. אַנטפּלעקונג און סוד — 90
20. לעבן און טויט — 97
21. שפּריכווערטער — 108
22. דיאַלאָגן — 121
23. פאָלק און יידישקייט — 124

קאַפּיטל איינס

חלום און וואָר

דער וואָס וויל מעגלעך מאַכן דאָס אוממעגלעכע ווערט נישט דער־גרייכן זיין ציל. נאָר שוין דער געוואַגטער פּרווו איז גרויס.

* *
*

יעדער איינער רעדט אויף זיין שטייגער. כאָטש איין בראשיתדיקע שפּראַך איז פאַר אַלע.

* *
*

דער טרוים איז דאָס אוממעגלעכע פון נישט רעאַלן, נאָר אַ שיינער טרוים קומט פון אַן איידל האַרץ.

* *
*

דאָס איבערגעלעבטע און די ווונטשן פון אייגענעם איך ווערן אַרויס־גערופן פיי דורכן זכרון פיי דורכן חלום.
נאָר ווען דער זכרון גיט דאָס איבער אין פולן באַוווסטזיין, מיט אַ לאָגישן סדר, טוט עס דער חלום אין זיין נישט־וואַכן צושטאַנד, אויף אַ כאַאָטישן אופן.

* *
*

דערהויבן איז די וויזיע, ווען מען זעט נאָך נישט אַרוים אירע קאָנ־טורען.

אילוזיעס זענען ווי שפּילצייג, זיי האָבן אויך זייער ווערט און איי־גענעם צייטפאַרטרייב — נאָר נישט בכדי צו באַלעסטיקן מיט זיי אַנדערע.

* * *

אפילו ווען דאָס אוממעגלעכסטע וואָלט פאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלט מען נאָך אויך ווייטער געטרוימט.

* * *

נישט אַלץ ווערט געוווּיגן מיט אַ קרעמערישער וואָג, נישט אַלץ איז געמאָסטן מיט דער מאָס פון נוצלעכקייט.
אויך אילוזיע מיט פאַנטאַזיע מאַכן גרינגער דאָס געמיט, ווי דער טרוים וואָס דערהויבט דעם גייסט און איידלט אוים דאָס האַרץ.

* * *

דער מענטש קען נישט פאַנגען די זון, ער קען בלויז פאַנגען זיינע אייגענע אילוזיעס.

* * *

פאַרטרייב די ספקות, לאָז געוועלטיקן איבער זיך די איינרעדע־ניש און די אייגענע אילוזיעס.

* * *

יעדער מענטש בענקט צו זיין אויסגעטרוימטער בת־מלכה, כדי מיט דער אילוזיע פון איר הימלעשער ליבע פאַרגעסן די אייגענע פיין.

די שטערן־פייערלעך זענען די איינציקע מעשהלעך פון ווייטע וועלטן, וואָס קומען נישט צו אונדז אויף די פליגל פון דער פאַנ־טאַזיע.

* *
*

דער מדבר האָט זיין אַזיס. נאָר פאַרוויסטע הערצער האָבן קיין אַזיס אויך נישט.

* *
*

וואָס שטאַרקער די אנשטרענגונג, אַלץ זיסער די דערגרייכונג. נאָר די זיסקייט פון דער דערגרייכונג צערינט אין דער באַלדיקער גליט־טונג צו אַ צווייטער דערגרייכונג.

* *
*

טרוים איז דאָס אוממעגלעכע פון נישט־רעאַלן. — דאָך, ווען מיר אַנטלויפן פון דער וואָר, זוכן מיר די עקזאַלטאַציע ביים טרוים.

* *
*

אויך דער חלום נעמט נישט פון נישט־פאַראַנענעם.

* *
*

חלום איז דער אָפּרוף פון פאַרגאַנגענע פאָרשטעלונגען און ווונשן, געוויזן דורכן קרומען שפּיגל פון דער ווירקלעכקייט.

* *
*

דאָס, וואָס איז בכלל נישט בנמצא, איז אין טרוים אויך נישטאָ.

ווי מען קען נישט שאַפֿן פֿון גאָרנישט, אַזוי קען מען נישט דענקען פֿון גאָרנישט.

* *
*

אָפּטמאָל שטייען מיר ווי צעמישט. מיר ווייסן אַליין נישט וואָס מיר זאָלן פֿאַרלאַנגען. אונזער געדאַנק, ווי אונזער לעבן, איז נישט פֿעסט, ער הענגט אויף זיין אייגענעם משקולת.

* *
*

עס בלייבט דיר גאָרנישט מער, ווי: געניסן פֿון זיסן צויבער פֿון לעבן. נאָר אויב פֿאַר דיר, אָרעמער, איז די נישטיקע זיסקייט אויך נישטאָ — פֿאַרברען נישט די הענט — באַשאַף זיך דיין אייגענעם צויבער.

* *
*

אַז אַלץ איז אילוזיע — כישוף זשע אויך אַרויס דיין לעבנס־עקסטאַז פֿון דעם גאָלדענעם שימער פֿון לעבן.

* *
*

אַלץ איז אין קאַראַהאָד פֿון אויפֿשיין און פֿאַרגיין. אַלץ איז אין שליחות פֿון אומבאַוווסטן זיין.

* *
*

די וועלט האָט אַ האַרץ — די כישוף־סימפֿאָניע פֿון די וועלטן. נאָר ווייט איז איר האַרץ פֿון אונדז און מיר זענען שוואַך צו פֿאַרנעמען דאָס האַרמאָנישע קלאַפּן פֿון איר האַרץ־ריטם.

מיר שטייען ביים ראַנד פון די וועגן ווי בגלופין, צעמישטע שטייען מיר אַנטקעגן דעם גרויסן ווירוואַר; אין דעם אומענדלעכן טונקעלן לאַבירינט קאָנען מיר נישט געפונען דעם אַרויסגאַנג.

* *
*

די נאַטור איז איינגעהילט אין איר אייגענעם שלייער. וואָלט זי אַנטבלויזט געוואָרן — וואָלט דער דראַנג נאָכן וויסן פאַרלוירן זיין רייץ.

* *
*

סיי דאָס פאַרשטעלענדיקע, חלומדיקע; סיי דאָס וואַכעדיקע, נאַר־מאַלע — קומען פון דער אומבאַוווסטזיניקייט.

* *
*

צי די וועלט איז אילוזאָריש צי נישט — נעמען מיר זי אויף רעאַל דורך דער פריזמע פון אונזער פסיכאָלאָגישן אמת.

* *
*

מיר ווילן אַדורכפליען די צייט, דעם טרוים פון אוממעגלעכן; אין אונדזער אומבאַהאָלפנקייט נויטיקן מיר זיך אינעם אָדלער־בליק אַדורכצונעמען די ווייטקייטן.

* *
*

אויב דו קאָנסט נישט גרייכן די הויכקייטן, דיינע לונגען קאָנען נישט אַריינאָטעמען אין זיך זייערע אַטמאָספערעס — טו נעם דיין חלק אויף דער ערד.

קאַפּיטל צוויי

שײַן און שאָטן

דורך דער פינצטערניש דערקענסטו דאָס ליכט; דורך דער גרויס־קייט — די קליינקייט פון לעבן.

**
*

דאָס טאָג־ליכט קומט נישט פּלוצים, נאָר ערשט נאָך אַ נאַכטיקער געפּאַנגענשאַפט ביי דער פינצטערניש.

**
*

דאָס שטאַרקסטע ליכט איז איינגעהילט אין אייגענעם ליכטיקייט־נעפּל.

**
*

די נאַכט וויקלט איין דעם טאָג אין אירע שוואַרצע קליידער. נאָר די שטערן־פייערלעך רייסן אויף דאָס שוואַרצע לייב פון דער נאַכט.

**
*

מיר דרינגען נישט אַריין אין זיך גופא, און דאָס וואָס איז אויסער אונז — גרייכט אונז נישט.

**
*

אינעם ליכט און שאָטנשפּיל פון דער וועלט איז אויך פאַראַן אונדזער חלק.
אונדזער פאָדעם איז אויך פאַרפּלאָנטערט אינעם גרויסן געקנויל, און פול מיט שרעק גרוילט פון אונדז אַרויס די אומבאַהאָלפנקייט.

בעסער דאָס צעזוניקטע ליכט פון געמיט, איידער די בין־השמשות־נעפּלען פון שווערן געדאַנק.

* *
*

דאָס ליכט באַלייכט זיך אַליין, פּונקט ווי דער צער וואָס זויגט פון זיין אייגענעם קוואַל.

* *
*

דער זכרון איז דער ליכטיקסטער וועג־ווייזער אויף די וועגן פון טונקעלן לעבן.

* *
*

דאָס שליחות פון מענטשן איז: דורך אַלע נעפּלען זיך צו דערשלאָגן צום ליכט אַליין.

* *
*

דורך דער פינצטערניש ווערט דערקענט דער בליק. און דורך אַן אומעטיק האַרץ — די פרייד.

* *
*

דער פּערל איז געפאַנגען אין זיין שאָל, דער געדאַנק — אין זיין אייגענעם קרייז און דער סוד — אין זיין אייגענער טיפקייט.

* *
*

מיר זעען נישט גאָט צוליב דער פינצטערניש אין אונז, אָדער צוליב דער ליכטיקייט. ווי אַ לאָמפּ, וואָס פאַרשטעלט זיך אַליין מיט זיין אייגענעם שיין, פאַרשטעלן מיר זיך אַליין מיט דער אייגענער ליכטיקייט.

נאָר אויך אַזאַ ליכטיקייט איז אַ פינצטערניש.

* *
*

דאָס ערדישע אין אונז איז אונזערס, ווי דאָס הויכע און געטלעכע.

אַלץ איז נאָר אַן אָפּשײַן פֿון אײַנציקן ליכט. דער אָפּשײַן איז צו טונקל, מ'זאָל אים קענען זען און דאָס ליכט איז צו העל, בכדי עס צו דערקענען.

* *
*

וואָס שטאַרקער דער קינסטלער שטויסט אַרויס זיך אַליין, ווערט דאָס געשפּילטע אַרויסגעבראַכט עכטער, און רײנער איז די קונסט.

* *
*

ווי הפקר־קינדער וואַלגערן מיר זיך אויף אַלע וועגן, מיר זוכן דאָס ליכט אין דער גרויסער נאַכט, נאָר מיר קענען עס נישט געפֿונען.

* *
*

דער אונטערבאַוווסטזײַן איז דער אינטימסטער שליח פֿון אינ־סטינקט.

* *
*

דער שטויב פֿאַרשטעלט אונדזערע אויגן, ער לאָזט נישט אַנטפּלעקן די ליכטיקייט, וואָס געפֿונט זיך אין אונז און אויסער אונז, און מיר זענען אַזוי גיריק נאָך דער שפּע פֿון ליכט, כאָטש די גאַנצע וועלט איז פֿול דערמיט.

* *
*

די גרעסטע פֿינצטערניש קענסטו באַשטראַלן מיטן קלענסטן ליכט, נאָר אַ פֿינצטער האַרץ ועסטו מיטן גרעסטן ליכט נישט באַ־שטראַלן...

* *
*

די פֿרייד קומט אָן אַזוי שווער און ווען זי צעזעגנט זיך אין די עקס־טאַזן פֿון אונדזער לעבן — שפּרייט שוין די נאַכט אויס איבער אונדז אירע שוואַרצע שאָטנס.

די ליכט־שטראַלן פון דער לאַנדשאַפט פאַלן אויפן נעץ־הייטל פון אונדזערע אויגן, נאָר דאָס ליכט פון אין־סוף דרינגט נישט אַריין אין אונדזערע אויגן.

* * *

דער הימל וואַרפט איבער אונז מיט שפע דאָס ליכט פון טאָג, דאָס האַרץ איז אָבער צו שוואַך אַריינצונעמען עס אינגאַנצן אין זיך.

* * *

ווי דאָס ליכט באַלייכט דעם אַרום און דעם אייגענעם שיין, באַלייכט דער זעלבסט־באַוווסטזיין דעם מענטשן און זיך אַליין.

* * *

די גאַמע פון לעבן איז זייער פאַרשידנפאַרביק. דו קענסט זיך אויסקלייבן וועלכע פאַרבן דו ווילסט, נאָר אויך זיי זענען געמישט מיט שאָטן.

* * *

דער צעגאַסענער שמייכל פון דער פרילינג־זון פאַרשווינדט. און דער מידער טאָג לויפט זיך אָפּרוען ביי די נעפּלען פון בין־השמשות.

* * *

מיר נעמען נאָר אויף די דערשיינונגען, וואָס זענען אויסגעטיילט פונעם אַרום, און אויף וועלכע ס'איז קאָנצענטרירט אונדזער גאַנצער גייסט.

* * *

דאָס עכטע ליכט פינקלט אויך אין דער פינצטער, נאָר די אימיטאַציע פון גייסט קען גאָרנישט באַלייכטן.

* * *

נאָך וואָס דאָס זיפצן, ווען מיר זענען נאָך פון בראשית אָן אַריינגעשליידערט אין ליכט און שאָטן־שפּיל פון דער וועלט?

קאַפּיטל דריי

בליאונג און וועלקונג

די פרייד קוועלט אַרויס פון די פרישע שפּראָצונגען, ווען די פרילינג־זון נעמט זיי אין אירע אָרעמס, און די פאַרוועלקטע בלעטער — דאָס געוויין, ווען ס'שפּילט זיך מיט זיי דער האַרבסטיקער ווינט.

* *
*

ס'בלייבט גאָרנישט איבער דער רויז פון איר צעפּעכערטער שיינ־קייט און דערקוויקנדיקן אַראָמאַט, ווען זי פאַרוועלקט.

* *
*

דאָס עכטע געזאַנג קומט־אויף אין דער טיפעניש פון אַ צעזוניקט האַרץ, ווי אַ פרישער שפּראָץ צעוואַרעמט פון דער זון.

* *
*

נאָר איין מאָל קומט די יוגנט — דער פרילינג פון אונדזער לעבן — און פאַרשווינדט. נאָר איין מאָל צעבליען מיר זיך מיט דער גאַנצער קראַפט, כדי זיך מער נישט צו פונאַנדערבליען.

* *
*

ווען אַ מענטשלעך האַרץ וואָלט אַזוי געזויגן פון דער זון, ווי דער פאַרמאַכטער קנאָספּ, וואָלט זיך אויך דאָס האַרץ צעבליט ווי אַ בלום, און די הערצער וואָלטן אויך געהאַט זייער פרילינג.

ווען אונדזער לעבן וואָלט געווען, ווי אַ פרישע שפּראָצונג אין פרי־לינג, וואָלט אויך אונדזער האַרץ געקלאפּט ביזן סוף מיטן ריטם פון אומאויפהערנדיקער פרייד, און אויך מיר וואָלטן, ווי דאָס פּלאַ־טערל, אויסגעטאַנצט אונדזער לעצטע רגע אין זיסקייט פון אייגע־נעם כּישוף.

* *
*

אין דער קינדהייט טאַנצן אין אונדז אַלע פלאַטערלעך. ווען מיר זענען יונג — שײַנען אין אונדז אַלע שטערן, ווען מיר ווערן אַלט — וועלקן אַלע בלומען אין אונדז.

* *
*

אַז ס׳איז אונדז באַשערט צו טראָגן דעם יאָך פונעם זײַן, לאָמיר צינדן אין זיך די עקסטאַזן פון קערפּער און גייסט. זאָל אין אונדז אויפגיין ווי דער מאָרגנרויט אַ קוואַל פון גלויבן, זאָל אונדזער האַרץ אויפקוועלן ווי דאָס זוניקע ליכט נאָך אַ פינצטערער נאַכט.

קאַפּיטל פיר

שיינקייט און מיאוסקייט

דער עקסטאַז צו דער יצירה איז דער סודותדיקסטער שיר־השירים פון אַ שליחות וואָס מיר קענען נישט.

**
*

דאָס הייליקסטע אין דיר — פּאַרשלים אין דיין האַרץ. דאָס גאָר אינטימסטע — אַנטפּלעק נישט פאַר קיינעם.

**
*

דאָס נאָך נישט אָנגערירטע איז הייליק; דאָס שוין באַרירטע איז פאַרשוועכט.

**
*

אַלדאָס שיינע ווערט געצערטלט דורך אונדזער אויג און דורכן באַריר פון אונדזער האַנט, אויך אונדזער גייסט צערטלט דעם שיינעם געדאַנק, דעם דערהויבענעם געפיל.

**
*

דאָס העכסטע איז די האַרמאָניע פון שיינעם וואָרט און שיינעם טאַט.

**
*

אויך די שענסטע בלום קען זיך צעבליען אויף אַ פּאַרמיסטיקט פעלד.

דער מיאוסטער פּערל, וואָס איז נאָך פאַרמאַכט אין זיין שאָל, איז אַלץ רייצנדיקער ווי דער שענסטער, וואָס איז שוין אַנטפּלעקט.

* *
*

די קייטן פון די מענטשלעכע געוואוינהייטן און פאָרמען זענען די פּענטעס פאַר די אייגענע פאַרלאַנגען און באַגערן.

* *
*

דאָס שענסטע פון אַלע שיינקייטן איז די שיינקייט וואָס ווערט פאָר־געשטעלט אין דער פאָרשטעלונג.

* *
*

אין דער שטילסטער שטילקייט פאַרנעמען מיר דעם טאַנץ פון איי־גענעם האַרץ. אין דער דאָזיקער פאַרכישופטער רואיקייט גיסן זיך צעניויף אַלע שטראָמען מיטן שטראָמענדיקן האַרץ פון דער וועלט.

קאַפּיטל פינף

שטאַרקייט און שוואַכקייט

די וועלט איז געגעבן געוואָרן פאַר אַלע גלייך. איין סוף גרייכט אַלע לעבעדיקע. נאָר די מאַכט־גיריקע און די בעלי־גאווה צעטרעטן אַלץ אונטער זייערע פוס.

* * *

דאָס, וואָס גרינג, איז אויסער אונדז, דאָס שווערע איז אין אונדז.

* * *

שיכור פון דער דערגרייכטער מאַכט זענען זיי אָן רחמנות אין זייער לייִדנשאַפט, אין זייער גרויסער גיריקייט שענדן זיי אַלע הייליקייטן און אין בלוטיקן געפּלאָנטער גייען זיי צו דער אייגענער קעגנזייטיקער פאַרניכטונג.

* * *

דער גלויבן אין אייגענעם כוח איז אַ גרונד־באַדינג פאַרן שאַפן, עס־וואָס מגזם זיין דעם כוח איז נישט קיין אומגליק, נאָר צו פיל איבער־טרייבן — איז אַ חסרון.

* * *

דער גלויבן אין אייגענעם לעבן איז דער יסוד פאַרן לעבן, איבער־טרייבן דעם לעבנס־כוח איז אַ חסרון, נאָר פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך איז אַן אומגליק פאַרן לעבן.

* * *

דער שטאַרקער געפינט שוין דעם מאָראַלישן יסוד צו באַנוצן זיך מיט זיין כוח; דער יסוד פאַרן מענטשן צו באַנוצן זיך מיט זיין מאַכט איז קודם כל די מאַכט אַליין.

אויך דער מאָראַלישער יסוד, מיט וועלכן די געטלעכע אַלמאַכט באַנוצט זיך, איז קודם כל — די אַלמאַכט אַליין...

* *
*

דער שטאַרקסטער מאַן קען נישט באַהערשן זיין אייגענע שוואַכקייט.

* *
*

דער מענטש קלאַמערט זיך אין לעבן, ווייל ער האָט נישט קיין כוח אַוועקצוגיין דערפון...
אַוועקגיין פון לעבן איז אַ גרעסערע גבורה ווי לעבן.

* *
*

שטאַרקער איז דאָס וויסן פון נישט וויסן, שטאַרקער פון זיי ביידע איז דער גלויבן.

* *
*

נישט אַלע האָבן ליב די מאַכט, נאָר אָפּגעבן די דערגרייכטע מאַכט האָט קיינער נישט ליב.

* *
*

ווי אכזריותדיק ס'זאָל נישט זיין דער וועג צו דער מאַכט, איז דער וועג פון איינהאַלטן די מאַכט נאָך גרויזאַמער.

* *
*

גבורה קען אויך זיין אין אַ פאַרשפילטן קאַמף. שוואַכקייט, קען אויך זיין אין אַ דערגרייכטן זיג.

* *
*

דאָס וואָס איז פאַרמיידלעך — מייד אויס; קעגן דעם אומפאַרמיידלעכן — מאַך דעם לעצטן פרווו און שטעל אַנטקעגן דיין גבורה.

קאַפּיטל זעקס

גוטס און שלעכטס

נעם נישט צו דעם גלויבן ביי דיין פריינט, ווען דו קענסט אים קיין צוזייטן נישט געבן.

* * *

יעדער איינער זוכט זיין שכר, דער בעל גאווה, ווי דער עניו, דער רשע ווי דער צדיק.

* * *

וואָלט דער גלויבן אין מענטשן געווען די אינטימסטע הייליקייט פון זיין איך, וואָלט ער אים, ווי אַ סחורה, נישט אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק.

* * *

אַז דו זוכסט דעם ליכטיקן שמייכל, וואָס רייסט זיך דורך דורך דער פינצטערניש, באַרויב אויך נישט יענעמס שמייכל.

* * *

דער מענטש איז ריין פון אַלע זינד.
אין קאַמף מיט די אומבאַוואוסטע כוחות פירט ער אוים אַ מידער זיינע שלעכטע מעשים דורך די אויפשטורעמדיקע אימפולסן.

* * *

די וועלט איז אויסגעגאַנגען אין דער פאַרשייטער שוים פון איר אייגענער רשעות און צביעות. זי איז געוואָרן אַלט פון זינד און קייקלט זיך צום אייגענעם אָפּגרונט.

נישט האָבן קיין פרייהייט איז שלעכט. נאָר שלעכט אויסנוצן די פרייהייט איז נאָך ערגער.

* *
*

אורטיילן אַלץ לויט זיך אַליין איז אַ גוטע מידה, אורטיילן דעם צווייטן לויט אים אַליין איז נאָך אַ בעסערע.

* *
*

אויב דו קענסט נישט צונעמען די יסורים פון ליידנדיקן, מאַך אים כאָטש נישט שווערער דאָס האַרץ.

* *
*

מיר זענען אָרעם אין געדאַנקען. מיר זאַמלען זיי ווי דער אָרעמאַן — זיינע גראָשנס. מיר דאַרפן אָבער נישט קאַרג זיין, כדי פון זיי צו שפּאָרן.
ווי אָרעם מיר זאָלן נישט זיין, דאַרפן מיר זיי צעטיילן מיט אַ ברייטער האַנט צווישן אַלע אָרעמע פון אונדזער גלייכן.

* *
*

ווען דאָס אומגליק קומט, טראָגן זיי דיר זייער מיטלייד און טרייסט, נאָר אויף צו פאַרמיידן דאָס אומגליק זענען זיי נישטאָ.

* *
*

זיי מוחל דעם פּרעדיקער, ווען ער אַליין איז נישט מקיים אַלץ. אויב ער טראַכט ערלעך — האָט ער שוין זיין אָפּקומעניש אין אייגענעם געראַנגל צווישן וואָרט און טאַט, און אַז זיין פּרעדיקן פירט צו גוטס — איז עס זיין פאַרדינסט, ווי דאָס איז אויך די באַרואיקונג פאַר זיין געוויסן, וואָס געפינט זיך אין שטענדיקן געראַנגל.

אויך די, וואָס זענען פול מיט שפע, האָבן ליב צו געניסן פון פרעמדן אָנשטרענגג, אויב נאָר עס קאָסט גאָרנישט; די גיריקע רופן דאָס אָן „מתנות".

* * *

ווי רויבער, וואָס באַנוצן זיך מיט יענעמס פאַרמעגן, באַנוצן זיי זיך מיט דער לערע פון די אומשולדיקע.
און אין איר נאָמען לעסטערן זיי און שענדן אַלדאָס מענטשלעכע, מיט די גרוילקסטע מעשים.

* * *

זיי, וואָס זענען שטענדיק געוואוינט איינצושטעלן יענעם אין קאָן, — וועלן אין דער לעצטער שלאַכט, וואָס זיי גרייטן צו, זיך מוזן באַגעגענען מיט זייער גלייכן. אין דער דאָזיקער בלוטיקער שפּיל פון אַלע קעגן אַלע, וואָס זיי גרייטן צו, — וועלן זיי אַליין אומקומען.
און די, וואָס וועלן בלייבן, וועלן געפינען אין איר זייער צער און טרייסט...

* * *

דער דזשונגל האָט זיך פאַרשעמט פאַר די מענטשן און איז פון זיי אַוועק. האָבן זיך די מענטשן געשאַפן אַן אייגענעם דזשונגל.

* * *

די חיה איז באַנאַל אין איר אכזריות, אויף איין אופן צערייסט זי יעדן לעבעדיקן קערפּער — צו שטילן איר הונגער.
דער מענטש האָט זיך קולטורעל אַנטוויקלט, דערפינדן די ראַפינירט־סטע פיינען און גרוילן, ער צערייסט דעם לעבעדיקן גוף אפילו נישט זייענדיק הונגעריק.

אין מיטן פון אַט דעם וואונדער: פון דער גוטסקייט און שלעכטקייט פון אונדזער לעבן שטייען מיר פאַרצווייפלט אַנטקעגן דעם וועלט־באַהערשנדיקן פּלאַנטער, נישט איין גאון האָט צעבראָכן זיין קאָפּ אין דער דאָזיקער מיסטעריע, בלויז די נישט־ערלעכע און די איינ־גערעדטע קענען זאָגן: — „מיר האָבן שוין געפונען דעם ריכטיקן וועג".

* *
*

זיי שרייען אַליין אויס זייער גרויסקייט.
אין גוט־ברודערשאַפט לעסטערן זיי דאָס וואָרט און דעם אמת. אין צונויפגערעדטן בונד רייסן זיי אַרונטער דעם ערלעכן, כדי אַרויס־צושטעלן זיך אַליין.

* *
*

קריטיק איז אַ גוטע דערשיינונג דאָרט, וואו ס'איז דאָ אַ מעגלעכ־קייט אויסצובעסערן. נאָר דאָרט וואו ס'איז אַזאַ מעגלעכקייט נישטאָ, איז די קריטיק זינלאָז, סיידן, אַראָפּצורעדן זיך פון אייגענעם האַרץ.

* *
*

זיי נישט מקנא דעם אָדלער וואָס פליט הויך. אויך ער זוכט אַן אָפּרו ביי דער ערד.

* *
*

די הייזעריקן פליען אָן, ווען די פעלדער זענען פול באַלאָדן מיט שפע, און דעם שונאס אַרמייען קומען, ווען ס'איז אָנגעגרייט אַ סך רויב.

* *
*

דיינע מעלות זעען נישט אפילו דיינע פריינט און אויף דיינע חסרו־נות לויערן שוין דיינע פיינט.

אין דער גיריקייט אָן מאָס באַרויבן מיר אַליין דעם שלאָף פון אונדזערע נעכט און די שלווה פון אונדזערע טעג.

*
**

מיר זענען אָרעם, זייער אָרעם, ווייל מיר זענען גיריק און ווייל ס׳איז קיין גרענעץ נישטאָ צו אונדזערע פאַרלאַנגען.

*
**

דער שטראָם פון דער צייט פאַרווישט אַלץ, דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע.

*
**

אַ טייל באַהאַלטן דעם אייגענעם וויטיק, אַנדערע נוצן אויס יענעמס וויטיק. אַ טייל באַהאַלטן זייער מום מיט גרויס צער, אַנדערע פאַראַדירן מיטן אייגענעם מום. אַ טייל טראָגן אין זיך זייער צער ווי אַן אוצר, און אַנדערע — וואַרפן אים אָפּ פון זיך ווי אָפּפאַל.

*
**

אויב ס׳איז נישט דענקבאַר קיין צווייי באַזונדערע מאַכטן איבער די וועלט, — ווייל אַ נישט וואָלט שוין די וועלט לאַנג געלעגן אַ צעשמעטערטע, צוליב זייערע געטלעך־מאַיעסטעטישע אַרומרייסענישן, — זענען אָבער אין מענטשלעכן לעבן, יאָ פאַראַנען באַזונדערע כּוחות, וועמענס ראַנגלענישן און קרייצונגען רופן ביי אים אַרויס פאַרשידענע וואַקלונגען און שטימונגען. דאָס חיהשע און מענטשלעכע קעמפט אייביק אינעם מענטשן, ווי ס׳ראַנגלט זיך געפיל מיט געדאַנק.

נאָר מעגלעך אַז זיי זענען גאָרנישט קיין באַזונדערע כוחות נאָר טייערלעך פון איינעם, פון וועמענס געראַנגל ס׳קומט אַרויס די לעבנסהאַרמאָניע.

קאַפּיטל זיבן

אמת און שקר

דער אמת איז נאָר איינער, נאָר יעדער האָט זיך זיין אייגענעם אמת און לעסטערט דעם צווייטנס.

* *
*

אַ רחמנות אויף די געלערנטע וואָס באַקעמפן זיך קעגנזייטיק אין נאָמען פון אייגענעם ספקדיקן וויסן.

* *
*

נישט איין מאָל מוזטו זיך קלאַמערן אינעם היילּיקן ליגנט פון די מענטשן, ווען דער אמת איז ווייט פון דיר.

* *
*

די אויסגעהאַלטנקייט פון מענטשנס מעשים זענען אַזוי ספקדיק, ווי די אויסגעהאַלטנקייט פון זיינע געדאַנקען.

* *
*

דער גלויבן אין דער דערגרייכונג איז רייצנדיקער, ווי די דערגריי־כונג אַליין.

די דערקענטעניש איז העכער ווי דער גלויבן, נאָר אויך אין דער דערקענטעניש דאַרף מען גלויבן.

* *
*

די טיפקייט פון וויסן איז אין אונזער אייגענער פלאַכקייט.

* *
*

די זאַכן און דערשיינונגען פון דער וועלט זענען פאַר זיך גאָר איינ־פאַך. נאָר מיר אַליין פאַרפּלאָנטערן זיי דורך אונדזער נישט וויסן.

* *
*

זעלבסט־איינרעדעניש איז אַ שטאַרקער יסוד פון גלויבן אין זיך. נאָר נאָך אַ שטאַרקערער איז דער אייגענער דערפאָלג.

* *
*

גלויבן אין די אייגענע כוחות איז אַ שטאַרקער טרייב־כוח צו מע־שים. נאָך אַ שטאַרקערער איז אָבער די נויט.

* *
*

די דערשיינונגען זעען מיר בלויז אַלס רעזולטאַט פון די ווירקונגען און פּראָצעסן. נאָר נישט די ווירקונגען אַליין.

* *
*

דאָס אוממעגלעכע פון דער וועלט וועט קיינער נישט מעגלעך מאַכן, אויך דאָס מעגלעכע וועלן נישט אַלע מעגלעך צו מאַכן. די וויסנ־שאַפטלער מאַכן בלויז מעגלעך דאָס מעגלעכע.

די אויסגעהאַלטנקייט פון געדאַנק איז נישט אין זיין פאָרמולירונג, נאָר אין זיין ערשטן יסוד.

* * *

דער, וואָס צווינגט אויף זיינע אמתן אויפן צווייטן, גלויבט אַליין נישט אין זייער זיכערקייט.

* * *

ביידע זענען זיי פאַלש: דער איבערגעטריבענער גלויבן, ווי די איבערגעטריבענע כפירה.

* * *

ווער קען ערב זיין פאַר די אייגענע געזעצן פון דער מענטשלעכער לאָגיק, ווען אַלץ צעפאַלט זיך אין אייגענעם קעגנזאַץ?

* * *

איין איינציקער אמת איז פון אַלעמען פאַרהוילן, און אַנשטאָט גיין צוזאַמען און אים זוכן אויף אַלע וועגן — שעכט מען זיך קעגנזייטיק אויס.

* * *

דער צעשפּאָלטענער מאַטעריעלער אַטאָם פאַרמאָגט אין זיך אַלצדינג, אויסער דער מאַטעריע.

* * *

די אַנטפּלעקטע סודות פון דער נאַטור פאַרקירצן נישט דעם וועג פון וויסן, נאָר פאַרלענגערן אים.
יעדע נייע דערפינדונג פרעגט אָפּ די פריערדיקע מיינונגען.

יעדער האָט מורא זיך צו אַנטפּלעקן, אפילו דער אמת אַליין.

**
*

אַלץ איז פאַרן אמת, אויסער דער אמת אַליין.

**
*

אַ טייל, וואָס רעדן אין גאָטס נאָמען, מאַכן דערביי אָן אַ רעש און אַ טומל, און אונדזער האַרץ זוכט דעם שטילסטן געפּליסטער, וואָס נאָר אַ מענטשלעך האַרץ קען פאַרנעמען.

**
*

מיט גאָטס נאָמען שאַרפן זיי די שווערדן און זייערע פאַלשע צינגען און פאַרשיכורן זיך ביז זינלאָזיקייט מיטן בלוט פון די אומשולדיקע.

**
*

דער פרייער געדאַנק, וואָס קעמפט קעגן רעליגיע, פאַרוואַנדלט זיך אַליין אין זיין אייגענער רעליגיע.

**
*

דורך ווּיסטעניש קומט מען צום געבענטשטן אָאַזיס און צום אמת דורך די מדבריות פון שקר.

**
*

זאָגט, וואָס איר ווילט! אייערע פאַלשע לערעס פאַרפלאָנטערן נאָך מער אונדזערע טעג. אונדזער פאַרוואונדיקט האַרץ ווערט נאָך מער צעלעכערט פון די פאַרסמטע פיילן פון שנאה און גיפט, וואָס איר שיקט אין נאָמען פון אייערע פאַלשע אמתן.

אין יעדן טריט פון מענטש, אין זיין יעדן געדאַנק איז באַהאַלטן זיין גלויבן.

* *
*

אונדזערע נישט דערזאָגטע תפילות בלאָנקען אַרום, ווי נאַקעטע נשמות, וואָס זוכן אַ תיקון. אונדזערע צעווייטיקטע הערצער — ליידיקע פון אמונה — זוכן אומזיסט אַ טרייסט אין די וועלטלעכע ביכער פון אונדזער צייט.

* *
*

דער נישט גלויביקער פאַרטרייבט די כפירה אין זיך דורך זיין אייגן לעבן און מעשים, נאָר די גרויסע פאַרלייקענונג איז אים שווער צו פאַרטרייבן. —

* *
*

ס'איז נישטאָ קיין אייזערנע קאָנסעקווענץ אין מענטשן, פּונקט ווי זי איז נישטאָ אין לעבן.

* *
*

דעם מענטשנס חשיבות ווערט געשענדט און געלעסטערט ביים לעבן; ערשט נאָכן טויט, ווערט די זעלבע חשיבות געריטמט און גע־לויבט.

* *
*

די מענטשן האָבן זיך געשאַפן זייערע שרייב־צייכנס.
אויך די וועלט האָט זיך אירע צייכנס, וואָס די געלערנטע באַמיען זיך זיי צו דערקלערן. עס קומט אָבער גאָרנישט אַרויס פון זייערע רייד...

* *
*

דער גלויבן וואָס קומט צוריק פון צופיל דענקען, גייט צוריק איבער אין געפיל.

דאָס אָרט פון די פאַרשעמטע איז נישט נידריק, דער אויבן־אָן פון די באַליידיקער איז נישט קיין באַוויז פון זייער רעכט אויף אים, כדי אין זיין נאָמען צו הערשן און פאַרפאָלגן.

* *
*

דער אמת פון די דרייסטע ווערט נאָך אין וואָרצל דערשטיקט, זיי ווערן אַרומגערינגלט דורך די, וואָס האַנדלען מיט די אייגענע מיינונגען, מיט שטעכיקע אויגן פול שנאה און געביילטע פויסטן שיצן זיי דעם קוואַל פון זייער חיונה.

* *
*

מיר קענען נישט לעבן אין דער פוסטקייט פון דער כפירה. לאַכט וויפל איר ווילט, איר אַלוויסער, איר וואָס מעסט אויס דעם הימל מיט דער ערד, און פאַרשפּינט נישט, איר פאַרשטיינערטע דאָגמאַטיקער, אונזער ריינעם גלויבן אין אַ נעץ פון ליידן און אויסגעטראַכטע דאָגמעס.

* *
*

דער אמת איז איבער אַלץ, אויך איבער דעם נישט עכטן אמת גופא.

* *
*

מיר לאַכן פון דעם, וואָס לייענט די אותיות פאַרקערט. נאָר נישט איין מאָל לייענען מיר אַליין פאַרקערט, כאָטש מיר האַלטן די אותיות גלייך...

* *
*

רעליגיע איז דאָס טראַכטן איבערן גלויבן, די פאָרעם פון גלויבן און נישט דער גלויבן אַליין.
ווי אַ פאָרעם האָט אויך די רעליגיע איר צופּאַסונג און אַנטוויקלונג.

זייער פֿאַלשקייט איז אין אַלץ, אויך אין דעם, אין וואָס זיי אַליין פֿאַרלייקענען.

זייער וואָרט איז פֿאַלש ווי זייערע מעשׂים און כּדי צו פֿאַרדעקן דעם איינעם שקר, זוכן זיי יענעמס זינד און חסרונות...

* *
*

די גלויביקע טרייסטן זיך מיט יענער וועלט; די אומגלויביקע ווילן זי נישט פֿאַרבייטן מיט קיין שום אַנדערער.

גלייכער אַן אַלטע צרה, וואָס מען קען זי, איידער אַ נייע וואָס מ'קען זי נאָך נישט...

* *
*

גלויבן איז שטאַרקער ווי רעליגיע; גלויבן קומט פֿון טיפֿן געפֿיל; געפֿיל איז שטאַרקער ווי איבערצייגונג; אינסטינקט איז שטאַרקער ווי געפֿיל.

* *
*

קיין אומגלויביקע זענען נישט בנמצא.

וואָרן וואָס איז דען אַן אפּיקורס? — ער גלויבט נישט אין דעם, אין וואָס דו גלויבסט, ער גלויבט אָבער אין דעם, אין וואָס דו גלויבסט נישט.

* *
*

גלויב נישט דעם, וואָס לייקנט אין אַלץ, אויך ער האָט אַ גאָט אין האַרצן

* *
*

מיר פֿאַרלייקענען דאָס איבערנאַטירלעכע, און אַלדאָס נאַטירלעכע באַגרייפֿן מיר אויך נישט, כּדי אין דעם צו גלויבן.

דער אַבסאָלוטער אמת, — ווי דער לעצטער זיבערסטער תוך פון אמת, — איז נאָר איינער. הגם מיר באַגרייפן אים נישט — ווייסן מיר, אַז ער איז פאַראַן. קיינער לייקנט אים נישט, יעדער איינער רופט אים נאָר אָן מיט אַן אַנדערן נאָמען.

* * *

פאַראַנען דערשיינונגען וואָס מיר זען נישט ווי זיי זענען אין זייער עצם דאָך נעמען מיר זיי אויף ווי כמו־אמתן און גלויבן אין זיי ווי אין פסיכאָלאָגישע אמתן.

* * *

דער פסיכאָלאָגישער אמת, קומט צו הילף דעם כמו־אמת, דעם אָנ־גענומענעם, ער דערקלערט אים.

דער פסיכאָלאָגישער אמת נעמט אָן דערשיינונגען, נישט אַזוי, ווי זיי זענען פאַקטיש געווען, נאָר ווי זיי וואָלטן אַזוי געווען. —

* * *

פון דעם אַבסאָלוטן, אָנגענומענעם, און פסיכאָלאָגישן אמת, ווערט באַהערשט דאָס גאַנצע פסיכישע לעבן פון מענטש.

* * *

צוליב דער פולקייט פון די אָנגענומענע אמתן און טעותדיקן גלויבן אין זיי, אַנטשטייט די מענטשלעכע טראַגעדיע...

* * *

דער פייער פאַרברענט זיך אין דער אייגענער שריפה און דער מענטש פילט אין אַלץ נאָר זיך...

דער געיעג נאָכן אמת האַלט אונטער די שפּאַנונג פֿון גייסט. נאָר ניִשט איינער איז שוין געפֿאַלן אויף זיין שטרויכלדיקן וועג.

* * *

אַ סך זענען די אָנגענומענע אמתן. — זיי זענען זיך סותר איינע די אַנדערע. דעריבער זענען זיי שיינבאַרע אמתן. נאָר פֿאַר דעם וואָס גלויבט אין זיי, זענען זיי ווי אַבסאָלוטע.

* * *

זים איז דער געפֿלאַפּל פֿון אומשטערבלעכקייט; די בין זויגט פֿאַרגאַפֿט דאָס בלומען־קעפּל; דאָס פֿלאַטערל טאַנצט אוים אין עקסטאַז זיין פֿרייד, און דער מענטש מוז געפֿונען אַ טרייסט בכדי ווייטער צו טראָגן דעם עול פֿונעם לעבן.

* * *

וואָס מער דער מענטש פֿאַרגרעסערט זיין מאַכט איבער דער נאַטור, אַלץ מער פֿאַרגרעסערט ער זיין אייגענע אומבאַהאָלפֿנקייט.

* * *

אַסך ווערט דורך אונדז אַנטפּלעקט, נאָר גאָרניִשט באַשאַפֿן מיר.

* * *

בכדי צו באַקרעפֿטיקן זייער קאָנסעקווענץ לאָזן די קאָנסעקווענטע אַטעאיסטן און לאָגיקער אויספּוצן זייער טויטן פֿריינט, רעדן ביים אָפֿענעם קבר צום ניִשט הערענדיקן פֿאַרליימטן גוף, און שווערן צו דעם פֿאַרגליווערטן גאָרניִשט צו גיין אין זיינע וועגן.

„צייט און אָרט, (רוים) זענען נישט מער ווי באַגריפלעכע פאָרמען" (קאַנט), זיי זענען ווי פסיכאָלאָגישע אמתן ביי אונדז אין קלעם, און מיר זענען אין קלעם ביי זיי.

**
*

„צייט און אָרט (טיים־ספּיים) איז איינס (איינשטיין) נאָר צייט איז אַ פערטע דימענסיע", אַ פערטע אויסמעסטונג צו לאַנג און ברייט און הויך, ווי ליניעס פון אַ רוים וואָס עקזיסטירט בכלל נישט...

**
*

די יצירה איז אַ קנויל וואָס איז פאַרפּלאָנטערט אין נאָך אַ גרע־סערן פּלאָנטער.

**
*

נישט נאָר די דערקענטעניש איבער זיך אַליין איז סוביעקטיוו מענטשלעך, נאָר אויך איבער גאָט און וועלט.

**
*

אויך די שטראַלן וואָס באַלייכטן דעם אייגענעם שכל, קומען פון די טונקעלע אָפּגרונטן.

קאַפּיטל אַכט

גאָט און אָפּגאָט

גאָט איז דער העכסטער נישט־באַגרייפבאַרער וועזן, ער איז דער יסוד פאַר דער אמונה פון די גלויביקע, דער מקור — פון אַלע זייערע עטישע ווערטן, און אויך דער יסוד פאַר דער כפירה פון די נישט־גלויביקע.

* *
*

צוליב זיין אייגענער גרויסקייט האָט ער אונדז אויסגעקנעטן פון נישטיקייט־שטויב און אין שטראָם פון גאָר זיין אייביקייט וואַנדערט ער אין אַלע צייטן דורכן אומאויפהעריקן שטורעם פון טויט און פאַרניכטונג.

* *
*

די מתפללים זאַמלען זיך אין טעמפּל ווייך צו מאַכן גאָטס האַרץ דורך לויב און תפילות.
זיי באַגרייפן נישט, די אָרעמע, אַז דערמיט מאַכן זיי נאָר ווייכער זייער אייגן האַרץ.

* *
*

צי נאָר אין אַ ים פון בלוט טויכט אויף דאָס געשטאַלט פון גאָט ?
צי נאָר אין שטורעם פון פּיין און ליידן ווערט ער דערקענט ? —
צי נישט אויך אין מילדע פרימאָרגנס פון פרילינג און אין דער פרייריקער שלווה פון צופרידענע הערצער ?

פיי ווי קענסטו זיך נישט העלפן: זינג דיין הלל צו גאָט, ווען דו באַגרייפסט נישט. באַוואונדער זיין יצירה, וועלכע דו פאַרשטייסט נישט. נאָר אויב דו האָסט נישט דעם באַשעפער אין האַרצן, וועסטו אים אַנטפּלעקן דורך דער אומבאַהאָלפנקייט פון דיין פאַרשטאַנד און געוואוינהייט פון געדאַנק.
ער וועט שוין דאַן אַליין אַריין אין דיין האַרץ.

* *
*

בכדי זיך צו פילן ווי אַ גאָט — האָט ער באַשאַפן די וועלט; בכדי בולט צו מאַכן די אייגענע אומבאַגרענעצקייט — האָט ער אַלץ באַ־גרענעצט.

* *
*

די שטאַרקסטע מאַכט איז די מיסטעריע אַליין. וואָלט זיך גאָט אַנט־פּלעקט פאַר אונדז, וואָלט ער געוואָרן ווי די מענטשן.

* *
*

דאָס ווירקן איז אַן אייגנשאַפט ביי גאָט פּונקט ווי ביים מענטש. דער אונטערשיד איז נאָר אין כוח פון שלימות...
דער מענטש איז בלויז אַן אויפצאַפּל פון דער געטלעכער שלימות, גאָט — די שלימות אַליין.

* *
*

יעדע אַקטיוויטעט מוז פריער זיין אין דער מעגלעכקייט, אויך ביי גאָט.

* *
*

דער וועג פון מענטש צו גאָט — איז דער וועג צו דער העכסטער שלימות.

ווער עס דערקלעטערט צום העכסטן פעלזן־שפּיץ, ווערט אַליין — גאָט. — —

* *
*

אַלץ שטאַמט פון גאָט, אויך אונדזער איינזאַמקייט. ער האָט באַשאַפן די פילקייט, כדי אַליין נישט צו זיין איינזאַם. דעריבער ווערן מיר געבוירן אין דער פילקייט און שטאַרבן אין איר אַריין.

* *
*

גאָט איז דאָס אייביקע זיין, ער איז אַלמעכטיק און קען אַלץ, צי קען ער אויך נישט זיין?
אויב זיין אייגן זיין איז אַ מוז — איז ער דאָך באַגרענעצט אין זיין אַלמאַכט. קען ער אויך נישט זיין — איז ער דאָך נישט דאָס אַבסאָלוטע זיין...

* *
*

מיר האָבן טענות צו גאָט פאַרן שלעכטס וואָס הערשט. און דווקא מיר אַליין זוכן דאָס עמאָציאָנעלע, דאָס דראַמאַטישע פון לעבן; וואָס מער קאַמף, וואָס מער בלוטיקע שפּאַנונג — אַלץ מער רייץ און הנאה האָבן מיר.

* *
*

דער גלויבן אין גאָט אַנטשטייט צוליבן נישט קענען באַגרייפן די וועלט, דאָס פאַרלייקענען גאָט אַנטשטייט צוליבן נישט קענען פאַרשטיין גאָט.

* *
*

דער מענטש דענקט און פילט — זיך, גאָט דענקט און פילט אַלץ.
דער מענטש איז אינגאַנצן אין זיך, גאָט איז אין זיך און אין אַלץ.

קאַפּיטל ניין

חכמה און אומוויסן

פליים זיך נישט וויניקער ווי די בין, זיי נישט אַרבעטזאַמער ווי די מוראַזשקע, נישט פרייליכער ווי דאָס פלאַטערל און זיי זיך נישט מערער מקריב ווי די אָפּמיאַ־פליגן *).

* *
*

ווייַ צום דעם וואָס האָט שוין דערקענט זיין גרויסקייט.

* *
*

נעם צו מיט אַ שמייכל די רייד פון די בעלי־מוסר און די חכמה פון די געלערנטע — אפשר וועסטו אין זיי געפונען אַ טרייסט.

* *
*

אונדזער שפּראַך איז אַזוי איינפאַך — און מיר פאַרשטייען נישט איינע די אַנדערע. ווי אַזוי זאָלן מיר שוין פאַרשטיין די שפּראַך וואָס ווערט אינגאַנצן נישט גערעדט ?...

* *
*

צום נישט וויסן איז נישטאָ קיין גרענעץ און דעם וועג צו דער חכמה האָט נאָך קיינער נישט געפונען...

---

*) אַ מין פליגן, וואָס זענען זיך מקריב איינע פאַר דער אַנדערער.

די גרעסטע עשירות איז דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער רייכקייט, נאָר פריער דאַרף מען באַזיצן די רייכקייט.

* * *

די פלאַנעטן שלינגען די ווייטקייטן און די זון — אַ רויט־פאַרשעמטע — ווערט געפאַנגען פון אייגענעם צעגליטן פלאַם.

* * *

וואָלט די חכמה אין מענטשן זיך אַזוי איינגעגעסן, ווי דער וואָרעם פון אומוויסן, וואָלט די וועלט שוין לאַנג געווען אויסגעלייזט.

* * *

אַלץ איז דאָ, אַלץ איז אָנגעגרייט, ווי אַ ים וואָס טראָגט אין זיך פאַרבאָרגן זיינע אוצרות. עס פעלט אונדז נאָר די חכמה־נעץ אַרויסצופאַנגען זיי פון די פאַרהוילעניש.

* * *

זיי, די גרויסע געלערנטע, חוזקן איבער אונדזער אומבאַהאָלפענקייט. „מיר האָבן שוין געפונען אונדזער וועג" — דערקלערן זיי מיט גרויס שטאָלץ.

* * *

באַהאַלטן אין די אייגענע שאָלן זענען די פערל פון ים, אין די טיפענישן פון די בערג זענען די אוצרות פון גאָלד און דימענטן, און אין וועלכע טיפענישן ליגט פאַרבאָרגן די שפע פון וויסן?

* * *

אָרט און דויער זענען ווי די ראַמען פון געשען.

די נאַרישקייט איז צעשפּרייט אין אַלע ווינקלען פון אונדזער לעבן און די חכמה איז אַזוי ווייניק.
נאָר אויך די דאָזיקע ווייניקייט ווייסן מיר נישט, וואו איר אָרט געפינט זיך.

* *
*

די שפּראַך פון דער עכטער חכמה איז זייער איינפאַך. נאָר מיר, די נאַראָנים, האָבן איר דורך אונדזער נישט־וויסן פאַרפּלאָנטערט.

* *
*

די געלערנטע האָבן אויסגעטראַכט פאַרשידענע צייכנס און באַווייזן. אין דער צייט ווען ס'איז געענוג איין עכטער צייכן, איין קלאָרער באַווייז.

* *
*

צייכנס זענען געקריצט אינעם מאַרמאָר פון די בערג, אותיות זענען געשריבן אין די פרישע שפּראָצונגען פון די טאָלן און אין די קאָלירטע בלעטער פון די פעלד־בלומען, נאָר מיר, קענען זייער מיין נישט פאַרשטיין.

* *
*

געלאַסנקייט און געדולדיקייט זענען די וואָג־שאָלן פאַרן מענטשנס מחשבות און מעשים.

* *
*

די פילאָזאָפיע ווערט געפאַנגען דורך די אילוזיעס פון איר שפּעקולאַטיווער לאָגיק.
הגם די וויסנשאַפט שטויסט צו באַהערשן די נאַטור לטובת דעם מענטשן, ווערט זי אָבער אומגעוואַנדלט אין איר אייגענעם אומגליק.

דער יסוד פון אַלע באַטראַכטונגען איז דער איך און דעם איך אַליין פאַרשטייען מיר נישט.

**
*

כדי צו אַנערקענען די אָרגאַנען פון איך, מוז מען קודם־כל אַנערקענען דעם איך אַליין.

**
*

דער וואָס ווייסט נישט, נאָר אַנערקענט זיין נישט וויסן, איז גרעסער פאַר דעם, וואָס ווייסט, נאָר מיינט, אַז ער ווייסט אַלץ.

**
*

דאָס וויסן איז אַ מוראַזשניק, רירסט זיך נאָר צו אים צו באַפאַלן דיר די מוראַזשקעס — ספקות פון אַלע זייטן און דו קאָנסט נישט פּטור ווערן פון זיי.

**
*

די חושים גיבן אונדז נאָר די איינדרוקן פון די זאַכן ווי אַן איבער־געאַרבעטער פּסיכישער פּראָצעס וואָס ליגט אין אונדז אַליין.

**
*

די נאַטור באַשאַפט דעם פּראַקטישן דענקען ווי אַ נוצלעכן אינסטרו־מענט פאַרן לעבן. — דעם שפּעקולאַטיוון דענקען באַשאַפט דער מענטש אַליין, און ווי אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענער שאַפונג איז ער מענטשלעך אילוזאָריש.

**
*

קונסט איז די עכטקייט פון פאַראייגענען פרעמדע געפילן און גע־דאַנקען.

די פּראַקטישע דערגרייכונגען און דערפינדונגען זענען נאָר אַ באַ־נעמען פון די אויסענווייניקסטע ווירקונגען פון די זאַכן און דערשיי־נונגען און נישט — פון זייער אינעווייניקסטע פּראָצעסן.

* *
*

די אינערלעכע מאָטיוון פון די גרונט־דערשיינונגען גופא זענען אין דער סובסטאַנץ, ווער עס דערקענט די אינעווייניקסטע מאָטיוון — דערקענט די סובסטאַנץ אַליין.

* *
*

פאַרשטיין זיך אַליין איז גייסטיק זיך אַליין אויפנעמען און בכדי פאָלקאָם זיך אויפצונעמען — באַדאַרף מען פון זיך אַליין אַרויסגיין.

* *
*

ווען מיר וואָלטן אינגאַנצן אָפּגעטיילט די זאַכן פון אונדז — וואָלטן מיר זיי באַנומען; ווען דער איך וואָלט נישט געווען אין אייגענעם דענקען וואָלטן מיר קלאָרער געזען די וועלט.

* *
*

אַ טייל שפּאָרן אָפּ פון זייער עודף אויף אַ שלעכטע שעה. נאָר ווי איז צו דעם וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט און האָט נישט פון וואָס צו שפּאָרן.

* *
*

דאָס אומוויסן אין אונדז יאָגט אונדז פון איין וועג צום אַנדערן, אין די פיל פאָרמען פון די וועלטן ווערן מיר פאַרלוירן.
מיר קענען די אויגן נישט אויפהויבן צום גרויסן ליכט פון דער זון און דער צער און פּיין אין אונדז פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג.

ס'איז נישטאָ קיין שום אייגנס, אַלץ שעפּט פון ערשטן מקור.

* *
*

די קלוגשאַפט, וואָס קומט נישט פון דער דערפאַרונג, פאַרמאָגט קיינער נישט און דעם בישוף פון נישט פאַראַנענעם קען קיינער נישט באַווייזן.

* *
*

דאָס קלוגע און דאָס נאַרישע איז נישט שטאַרק אָפּגעטיילט פון זיך און דער אונטערשיד איז אַ גרויסער.

* *
*

די צאָל פון די חכמים איז קליין, נאָר די צאָל פון די גרויסע איז נאָך קלענער.

* *
*

אַלדאָס דענקענדיקע און פאָרשטעלענדיקע איז אַ פּראָדוקט פון זיין.
אָן דעם זיין — אויסער אים — איז נישט מעגלעך קיין דענקען.
דאָס דענקען איז אין דעם זיין, ווי דאָס זיין איז אין דעם דענקען.

* *
*

לאָגיק און אַנאַליז זענען גייסטיקע פונקציעס, וואָס דער סוביעקט רופט אַרויס צו הילף צו קומען דאָס לעבן;
דער אינסטינקט אָבער, איז אַליין אַ טייל פון סוביעקט.

* *
*

דאָס דענקען איז אַ טייל פונעם איך און דער איך איז אַ טייל פון זיין דענקען.

פאַראַן פאַרשידענע מענטשן: פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען באַ־האַלטן זייער עם־הארצות און אַנדערע, וואָס קענען דעם אייגענעם וויסן נישט אַרויסגעבן.

* *
*

דאָס עכטע פילן און דענקען מוז זיין אינערלעך קאָנצענטרירט.

* *
*

די רייך וואָס נעמט אַרום דאָס פאַס איז געפאַנגען אין איר אייגענעם קלעם, און דער מענטש וואָס נעמט זיך אַליין אַרום — קען פון דער אייגענער געפאַנגענשאַפט נישט אַרויס...

* *
*

אַלץ איז זיגזאַגיק, אויך דאָס לעבן.
קיין זאַך אַנטוויקלט זיך נישט מיט אַ גלייכער ליניע פאָראויס...

* *
*

דאָס וויסן שטילט די נייגעריקייט פונעם מענטשלעכן גייסט.
וואָס מער וויסן — אַלץ מער ווערט מען איבערצייגט אין דער נישטיקייט פונעם וויסן. די דאָזיקע איבערצייגונג קומט אָבער אויך דורכן וויסן. —

* *
*

ווי דער רויז בלייבט גאָרנישט פון איר שיינקייט, וואָס זי צעוואַרפט פאַר אַלע, אַזוי בלייבט גאָרנישט דעם מענטש, פון זיין אָנשטרענג, מי און מאַטער.

דורך די שייכותן פון זאַכן און דערשיינונגען מעסטן מיר און דער־
קענען זיי, מיר נעמען זיי דעריבער אויף רעלאַטיוו.

* *
*

ווי דער שמעטערלינג כישופט אויס דעם פריידיקן צאַפּל אין זיין
קורצן טאָג — צויבער אַרויס דיין לעבנס־עקסטאַז אין גאָלדענעם
שימער פון לעבן.

* *
*

יעדע זאַך האָט איר ווערט דורך איר באַציאונג צו אַ צווייטער.
אָן דער יצירה — וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט געווען געהאַט איר
באַשעפער ?

* *
*

פונקט ווי מיר נויטיקן זיך אין גאָט, אַזוי נויטיקט זיך גאָט אין
אונדז...

* *
*

אַלץ קאָן זיך אַנטוויקלען און אויפגיין ביז גאונות, פונקט ווי אַ
פרוכט פון קערענדל.

* *
*

דער געדאַנק פאָדערט די גאַנצע קאָנצענטראַציע אויפן קעגנשטאַנד
וואָס פאַרנעמט אונדזער מחשבה,
דער באַוואוסטזיין — די גאַנצע קאָנצענטראַציע אויף דער געגע־
בענער שפּירונג.

* *
*

נישט די דערשיינונגען פון דער נאַטור פּאַסן זיך צו צום שכל פון
די מענטשן, נאָר דער מענטשלעכער שכל פּאַסט זיך צו, כדי צו באַ־
נעמען די פּראָצעסן פון דער נאַטור.

קאַפּיטל צען

ווילן און אומבאַהאָלפנקייט

דער ווינט פאַרטרייבט די וואָלקנס נאָר די שווערע וואָלקנס פון דיין האַרץ — וועט קיינער נישט פאַרטרייבן.

**
*

וואָס העכער דאָס שטייגן, אַלץ ווייטיקדיקער דאָס פאַלן.

**
*

דער דראַנג צום אויסלעבן זיך — איז דער ווילן זיך צו באַפרייען פון דער אייגענער געפאַנגענשאַפט.

**
*

התבודדות איז דער ווילן זיך צו באַפרייען פון אַלדאָס - חומרדיקע, כדי צו זיין פריי אין גייסט.

**
*

איינזאַמקייט איז — אוממעגלעכקייט זיך צוזאַמענגיסן מיטן צווייטן, הילפלאָזיקייט — דער באַוואוסטזיין פון דער אייגענער שוואַכקייט און באַגרענעצטקייט. פון די דריקנדיקע געפילן פון איינזאַמקייט און הילפלאָזיקייט — איז אַנטשטאַנען די קולטור.

**
*

גוט איז דאָס שטרעבן וואָס שפּאַנט איין דעם ווילן צו דער דער־גרייכונג. נאָר בעסער — אינגאַנצן אויסמיידן די ליידן פון ווילן...

**
*

מיר זוכן דאָס גליק פונעם לעבן וואָס איז נישט בנמצא. מיר ווילן פאַנגען דאָס געפאַנג וואָס קיין יעגער האָט נישט געפאַנגען.

דאָס אַלגעמיינע איז דער שאַבלאָן. דער גרויסער יחיד ברעכט אַלע צוימען.

* * *

דער באַגרענעצטער מוח איז אַן אומבאַהאָלפענער יאָ־און ניין־שפּיל — נישטיק, ווי דער אומבאַהאָלפענער דאָ־זיין.

* * *

מיר זענען בלויז די שליחים פאַר עמעצנס עבודה; אומזיסט דער ווילן זיך צו באַפרייען פון דער שווערער שליחות.

* * *

מענטשן פאַרבלענדן זיך מיט דער שפּיל פון ליבע, זיי ווילן אינעם תאווה־רייץ פאַרטרינקן זייער פּיין און אַנטלויפן פון דער אומבאַהאָלפנקייט פון זיין.

* * *

די וועלט איז באַלאָדן מיט פול שפע, נאָר דו קענסט גאָרנישט צונויפזאַמלען אין דיין קויש.

* * *

אַלע רייסן זיך צו די הימלען, וואו ס'איז נישטאָ קיין וועג אַלע ווילן אַרויף אויפן הויכן באַרג, אויף וועלכן קיינער האָט נאָך נישט געטרעטן.

* * *

דער פּרעציזסטער מעכאַניזם פון גאַנצן וועלט אַל איז דאָס קלענ־סטע באַשעפעניש.

אויך די שטערן דערשטיקן זייער אומבאַהאָלפנקייט אין אייגענעם מעכאַנישן לויף.

* *
*

דער פעדער איז אַלץ איינס, צי זי ווערט געטראָגן פון לייכטן ווינטל, צי פון שווערן שטורעם.

* *
*

זוך נישט דאָס, וואָס דו קענסט נישט געפינען. וויל נישט געפינען דאָס, וואָס דו זוכסט נישט.

* *
*

נישט נאָר די מאַכט־האָבער זענען גיריק צו פאַרשפּרייטן זייער מאַכט, אויך אַלע דענקער זענען להוט צו פאַרשפּרייטן זייערע גע־דאַנקען.

* *
*

די, וואָס קענען שפּאַלטן דעם אַטאָם, קענען נישט שפּאַלטן דעם קלענסטן קנאָספּ אויפן בליעכץ.

* *
*

די, וואָס פאַרניכטן מיליאָנען מענטשן, קענען נישט באַשאַפן דאָס קלענסטע קעמערל.

* *
*

עס מוז דאָך זיין עפּעס אַ זין אין דער דאָזיקער מיסטעריעזער יצי־רה! קיין גולם־שטוים, צי אַן אור־קעמערל, האָט דאָך נישט געקענט אַרויסברענגען אָט דעם וואונדערלעכן קאָסמאָס!

דער שטאַרקסטער רייץ ליגט אינעם נאָך נישט דערגרייכטן.

* * *

וואָס ווייטער אין צייט און אין שטח — אַלץ רייצנדיקער.

* * *

אויך ביים אָפּגרונט פון יאוש — זאָג זיך נישט אָפּ פון דיינע פאַר־לוירענע האָפענונגען. אפילו, ווען דיר איז נישט באַשערט צו גע־ווינען — פאַרלאָז נישט דאָס שפּיל.

* * *

וואָלט די ליידנשאַפט צו מענטשן־ליבע געווען אַזוי שטאַרק ווי נאָך מאַכט — וואָלט דער פּחד און די שרעק נישט צוגערויבט דעם שלאָף פון אונדזערע אויגן און אונדזערע טעג וואָלטן רואיקער גע־פלאָסן אין זיכן אָנשטרענג נאָך וויסן און אמת.

* * *

אַלע מעגלעכקייטן זענען אין בראשית. מען דאַרף זיי נאָר פאַר־וואַנדלען אין מעשים.

* * *

אויפן וועג צום גרויסן טעמפּל טראָגן מיר אונדזערע האָפענונגען און חלומות. מיר פון איינגעפלאַנצטן אומגלויבן אין אונדז — ווילן מיר היילן אונדזערע וואונדן אין אַ ריינעם גלויבן פון מענטשלעכ־קייט און פאַרברידערונג.

* * *

שיק פריער דעם ווילן... די באַרעכטיקונג וועט שוין קומען.

דער מענטש איז אַ טייג, וואָס ווערט געקנעטן פֿון זיין אייגענעם איך.

* * *

ווי אוממעגלעך ס'זאָל נישט זיין דאָס דערגרייכן די שלימות, האָט דער גאַנג צו איר אויך אַ ווערט.

* * *

די גרעסטע צרה פֿון מענטש איז, וואָס ער קען נישט באַהערשן זיינע שוואַכקייטן; ער ווייסט די פֿאַרנאַרעניש פֿון זיינע מעשים, נאָר ער קען זיי נישט בייקומען.

* * *

פֿאַרלאַנגען, וואָס ס'איז נישט מעגלעך צו דערפֿילן, איז זיי בעסער צו דערשטיקן אין וואָרצל.

* * *

ווען אָבער דיינע פֿאַרלאַנגען ווערן נישט דערפֿילט — באַשאַף נייע און גיב זיי די אילוזיע פֿון די ערשטע.

* * *

דאָס געשריי פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט טראָגט זיך דורך אַלע וועלטן. נאָר דאָס באַוואוסטזיין פֿון איר אומפֿאַרמיידלעכקייט קען אונדז מאַכן גרינגער דאָס לעבן.

* * *

אומעטום קענען מיר זיין, נאָר קיין שום אָרט איז נישט אונדזערס צו מאַכן זיך דערפֿון אַ באַהעלטעניש.

מיט גרויס אָנשטרענג און שוועריקייט זאַמלען מיר אונדזערע אָפּ־שפּאָרונגען. נאָר ווען מיר וועלן באַרויבט ווערן פון אונדזער לעבן, וועלן מיר אויך זיי, — ווי אַלע לאַסטן פון לעבן, — פאַרלירן אויף אייביק.

* *
*

באַהערש דאָס שלעכטס און דעם שקר, כדי זיי זאָלן איבער דיר נישט הערשן.

* *
*

בעסער זיך אָנשטרענגען, בכדי לכתחלה אויסצומיידן דעם קאָנ־פליקט, איידער אים דאַרפן נאָכדעם ליקווידירן שוין אַן אויסגע־בראָכענעם.

* *
*

די תפילה, וואָס ווערט געזאָגט אָן ווערטער, איז נישט מיינע, ווי ס'איז נישט מיין דער געמורמל פון די כוואַליעס, וואָס הויבן זיך און פאַלן, לויט זייער — און עמעצנס ריטעם...

* *
*

ס'איז נישט בנמצא קיין בחירה חפשית, וואָס זאָל נישט זיין אַפּ־ריאָרי באַאיינפלוסט, נאָר אויך דער דאָזיקער באַגרענעצטער ווילן האָט נאָך גענוג כוח צו ווירקן...

* *
*

אין דער נאַטור פּאַסט זיך צו דער יחיד צו די באַדינגונגען פון דער סביבה, דער מענטש דאַקעגן וויל צופּאַסן די סביבה צו זיינע איי־גענע באַדערפענישן.

שווער איז די זאָרג פון לעבן, זי פאַרהאַרטעוועט אָבער דעם גייסט, נאָר דער פחד און די שרעק צעברעכט דאָס האַרץ.

* *
*

ווען דער מענטש וואָלט געהאַט אָדלער־פליגל, ווער ווייסט צי ער וואָלט זיי אַליין נישט געוועז צעבראָכן אויף די הויכע בערג־שפיצן.

* *
*

פול מיט פאַנטאַזיע גייען מיר אַנטקעגן די קומענדיקע טעג, ווי אַ צניעותדיקע כלה, נעמען מיר זיי אויף מיט פאַרטאַיעטער גליס־טונג. מיר ווילן אין זיי געפונען גליק און די אויסלייזונג פון אונ־דזער פיין.

* *
*

אינעם שריפה־פלאַם פונעם תאווה־רייץ, ווילן מיר שטילן אונדזער פיין; מיר ווילן אונדזער לעבן דערטרינקען אין הייסן לייב; מיר זוכן דעם גרויסן כישוף, וואָס זאָל אונדז דערפירן צום אייגענעם גאָר־נישט...

* *
*

לייכט איז דאָס וואָרט אין מענטשנס מויל, נאָר שווער איז דער נסיון עס אויסצופרואוון אין מעשים.

* *
*

וואויל איז דעם וואָס קאָן אונטערהאַלטן דעם פלאַם פון זיין קדושה.

* *
*

מיר זענען געפאַנגען און געבונדן מיט שטריק און מיר דאַרפן נאָך מיט געבונדענע הענט, צערייסן די אייגענע שטריק און זיך אַליין באַפרייען.

מיר וועבן דעם טרוים אין די שלאָפלאָזע נעכט, מיר זוכן דעם רייץ פונעם פאַנטאַסטישן שטרעבן. און באַגערן די כלהשאַפט פון אונ־דזער פאַרכישופטע האַרץ.

* * *

איינגעעקשנט איז דער מענטש אין זיינע אָפגעפרעגטע אמתן, ער גלייבט נישט אין דערפאָלג פון נייעם אָנשטרענג, כדי אָנצו־הויבן פון דאָס ניי.

* * *

אין טיפער שטילקייט און אין ערפורכט זיצן די תלמידים אַרום גרויסן לערער. זיי, וואָס לעבן אין טיפן גלויבן און גליענדיקן עקסי־טאַז, הערן זיך צו פאַרגאַפט צו זיינע רייד... אין זייער אייגענער הילפלאָזיקייט און שוואַכקייט ווילן זיי פון אים אַרויסצוויבערן דאָס גרויסע וואָרט פון טרייסט און דערלייזונג.

* * *

מיר זינגען אונדזערע לידער אין טרויער און אין פרייד, מיר קומען מיט אונדזערע תפילות אין אַלע צייטן פון אונדזער לעבן.

* * *

נישט אַליך ווערט געמאָסטן לויטן דערגרייכטן ציל; אויך דער נישט איינגעגעבענער פרואוו שטילט דעם דראַנג צו דער דערגרייכונג.

* * *

גרויס איז דער דרוק פון דער וועלט איבער אונדז, נאָך גרעסער איז דער דרוק פון די אייגענע מענטשן.
דער וועלט זענען מיר מוחל; זי איז אַ ווערק פון אייגענעם צוואַנג. נאָר ווי קענען מיר מוחל זיין זיך אַליין, מיר די קינדער פון דער אייגענער הילפלאָזיקייט און באַגרענעצטקייט?

קאַפּיטל עלף

גרענעץ און אומענדלעכקייט

באַרים זיך נישט מיט דיין חכמה, ווען דו ווייסט נישט די גרענעץ פון דער נאַרישקייט.

* * *

עס איז נישטאָ קיין גרענעץ צו דער גרויסקייט פון דער יצירה, פּונקט ווי צו דער קליינקייט פון מענטש.

* * *

ווי אַ פויגל האָט פיינט זיין שטייג — האָט דער געפאַנגענער פיינט די תפיסה; אפילו די תפיסה פון זיך אַליין.

* * *

דער וואָס איז אָן באַגערן, האָט נישט קיין הנאה פון זייער דער־פאָלג, און ווענענס פאַרלאַנגען עס ווערן נישט דערפילט — האָט גאָרנישט פון זיינע באַגערן.

* * *

וואָס טיפער דאָס זינקען, אַלץ העכער דאָס אויפהויבן זיך.

* * *

וויי צו דעם אָדלער וואָס ווערט געבוירן אָן פליגל...

די פּראַכט פון זון־אויפגאַנג דערמאָנט אין אונדזער נישטיקייט. די מרחקים פון די וועלטן דערמאָנען אין אונדזער באַגרענעצטקייט.

* *
*

אויך דאָס האַרץ וויל אַמאָל אַרויס פון דער אייגענער קלעם צו דער פרייהייט און ליכטיקייט.

* *
*

ווי ס'איז נישטאָ קיין פּרוכט אָן אַ קערנדל, אַזוי איז נישטאָ קיין דערשיינונג אָן אַ נוצלעכן זין.
מען דאַרף אים נאָר נישט איבערטרייבן.

* *
*

די מאַסע פאַרטראָגט נישט דעם גרויסן אינדיווידואַליסט. די מאַסע זוכט דאָס גרינגסטע, דעם אויסגעטרעטענעם וועג; דער אינדיווידואַליסט — דעם באַזונדערן, דעם נאָך נישט אָנגערירטן...

* *
*

אין שטורעם, אין בליץ און דונער דערקענט מען די אומענדלעכקייט פון דער שאַפונג; אויך דעם אומקום־אָנזאָג, וואָס גייט פון וועלט צו וועלט.

* *
*

דעם מענטשנס גרעסטע ווערק איז נישט גלייך צום קלענסטן קעמערל אין וועלכן ס'פּליסט לעבנס־זאַפט.

התבודדות איז נישט ליב האָבן די איינזאַמקייט, נאָר דורך דער איינזאַמקייט דערגיין צום אַל־איינעם, כדי צוזאַמענזיין אין דער פילקייט.

* *
*

נישט נאָר צוויי קערפּערס קענען נישט פאַרנעמען איין אָרט, נאָר אויך נישט קיין צוויי נשמות.

* *
*

די פולקייט — אין אונדז גיסט זיך אַריין אין דער איינציקייט, די טיילעכלעך ראַנגלען זיך און קעמפן, כדי שלום צו מאַכן אין איינס. און די שלימות פון דער האַרמאָניע ווערט אַרויסגעבראַכט דורך דער צעריסנקייט.

* *
*

ווי ווייט דער מענטש זאָל נישט זיין פון זיך איז ער אַלץ אין זיך.

* *
*

צווישן אומגלויבן און גלויבן איז נישטאָ קיין פעסטע גרענעץ.

* *
*

די מענטשלעכע גיריקייט איז ווי דער קאָסמאָס — אָן אַ גרענעץ.

* *
*

די שלימות פון דער פולקייט איז אין אַל־איינעם, ווי די שלימות פון אַל־איינעם איז אין דער פולקייט.

* *
*

אַ סך ווערט דורך אונדז אַנטפּלעקט, נאָר גאָרנישט באַשאַפן מיר.

קאַפּיטל צוועלף

דויער און פאַרגאַנגלעכקייט

דעם מענטש איז אַלץ איינס, צי ער פאַרשווינדט אין פולקייט פון זיין, צי אין שליחות — פון גאָרנישט זיין...

* *
*

גאָרנישט מער בלייבט דעם לעבן, ווי: דער גענוס פון שאַפן און גענוס פון דער ליבע. —
אויך דאָס איז נישטיק און פאַרגאַנגלעך.

* *
*

פריי זיך גרויסער דענקער מיט דער איינרעדעניש פון אומשטערבלעכקייט. גאָרנישט מער בלייבט דיר פון דיין מיפולער אַרבעט.

* *
*

די בענקשאַפט צו די קומענדיקע טעג איז די אויסלייזונג פון די טעג וואָס זענען אַוועק.

* *
*

דער זכרון נעמט צו און גיט אָפּ, פונקט ווי די לונגען אָטעמען איין און אָטעמען אויס.

* *
*

דאָס אויסשפּילן אַ ניגון איז כדי אָנצוהויבן אַ נייעם.

דורך די זאַכן און דערשיינונגען באַשאַפֿן מיר די צייט און מיט דער צייט מעסטן מיר דעם דויער פֿון די זאַכן און דערשיינונגען.

* *
*

איינמאָליקע באַפֿעלן זענען געגעבן געוואָרן אויף אייביק. זיי קומען פֿון אור־שטראָם און שטראָמען איבער אַלע צייטן.

* *
*

אויך דיין האַרץ דאַרף נישט אַריבערשטראָמען זיין ברעג, דעם איי־גענעם ליבע־פֿיין דאַרף מען נישט טרינקן. ווי אַ שוואָם וועט די צייט אויך דיין צער איינזאַפּן און איבערלעבן וועסטו דיין פּיין נאָך פֿאַרן פֿאַרשטומט ווערן פֿון דיין האַרץ...

* *
*

נישט נאָר דער מענטש פֿאַרגייט, אויך טוי־קרישטאַלעכלעך, אין מאָרגן־רויט ווערן אויסגעקושט פֿון דער זון. גאָלד־געשטרייפּטע פּלאַטערלעך הויבן אויס זייער אָטעם טאַנצנדיק אַרום דער רויז. פֿאַנטאַזיע־טעפּיכער שפּרייטן זיך און צערונען, ווי דער שפּריץ פֿון וואַסער־פֿאַל, וואָס לייכט אויף און פֿאַרשווינדט.

* *
*

דער שמייכל פֿון דיין האַרץ גייט אויף און פֿאַרשווינדט, ווי אַ שמייכל פֿון דער זון. און ווי דער מידער טאָג אין בין השמשות — טונקלט צוריק דיין האַרץ אין מידקייט פֿון צער.

פונקט ווי אַלע שטראָמען גיסן זיך צונויף אין איין שטראָם, אַזוי פאַרשווינדן אַלע לעבעדיקע אין אָדיסופיקייט פון דער צייט.

* * *

אַלץ קייטלט זיך פון אורשפרונג. אַלץ ליגט אין בראשית, אַלץ פאַר־גייט אין דער צייט; אַלץ פאַרשווינדט אין דויער פון דער אייבי־קייט.

* * *

דאָס לעבן קומט אויף און פאַרגייט, די ליידן קומען אויף און פאַר־שווינדן. — נאָר אַנדערע קומען אויף זייער אָרט.

* * *

עפּעס מוז דאָך זיין אין אייביקן קומען און פאַרשווינדן, עפּעס מוז דאָך זיין אין כסדרדיקן געווינען און פאַרלירן. — זאָל׳זשע דער באַוואוסטזיין, אַז אויך דיין פאַרשווינדנדיקער טראָפּן רינט אַריין אין ים פון דער אייביקייט, דיך מוטיקן צום לעבן.

* * *

אַז די ערדישע גליסטונגען זענען נישט דויערנדיק — איז שוין בע־סער די גליסטונג צו דער העכסטער חכמה. נאָר אויך די דאָזיקע גליסטונג לעבט נישט מער ווי איין לעבן.

* * *

ווי אַ וואַסער טראָפּן ווערט פאַרטרונקען פון שטראָם, אַזוי ווערן מיר פאַרשלונגען פון דער אייגענער צייט.
ווי די קערנער פון די מילשטיינער — ווערן מיר צעריבן פון אייגע־נעם געשען.

אַלץ פליסט, אַלץ בייט זיין פּאָזיציע, אויך יעדער גייסטיקער פּראָ־
צעס אינעם מענטשן.

* *
*

אַלע זאַכן זענען אין רוים, נאָר דער רוים אַליין איז אַ ליידיקייט,
אַלץ געפינט זיך אין דער צייט, נאָר די צייט פאַרשווינדט כסדר.

* *
*

יעדע ווירקונג האָט איר סיבה וואָס רופט אַרויס די ווירקונג, נאָר
די סיבה פאַרשווינדט אין דער צייט, און די פאַרשווינדענע צייט
גייט איבער אין דער אָנקומענדיקער — פון דער נייער ווירקונג.

* *
*

דער בעל־חי קומט און פאַרליימט, די זון שיינט אויף און פאַרגייט,
די ליידנשאַפט קומט און פאַרשווינדט, אויך די נאַכט קומט און צע־
רונט, — נאָר די נאַטור עקזיסטירט אייביק.

* *
*

דאָס אומשטערבלעכע שטראָמט אייביק און דאָס שטערבלעכע רינט
אַריין אין דער אייביקייט.

* *
*

דער טראָפּן ווערט פאַרשלונגען פון שטראָם און דער שטראָם —
פון נאָך גרעסערן.

* *
*

אַלץ באַנייט זיך, אויך דאָס לעבן, נאָר דער, וואָס גייט איין מאָל
אַוועק פון לעבן, קומט שוין נישט צוריק.

דער אָרעמער פּונקט ווי דער רייכער, ווײַל גאָרנישט פאַרלירן פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט, כאָטש פאַרשידן זענען זייערע פאַרלוסטן און זייער געקלייאָג. בלויז איין מאָל נאָר וועט זייער ביידנס פאַר־לוסט זיין אַ גלייכער...

* *
*

דער זקן, ווי דאָס קינד, פאַרשפּילט זיין צייט אין די קליינע שפּי־לערייען פון לעבן.

* *
*

מיט אַסך מתנות איז דאָס לעבן באַשאָנקען. ס'איז אָבער פיינלעך: אין דער לעצטער רגע וועלן זיי צוזאַמען מיטן לעבן ליגן, ווי צע־בראָכענע שפּילצייג ביי דיינע פיס.

* *
*

די פרייד פון געבורט איז געמישט מיט ליידן.
אין דער באַפּאַלענער מידקייט פון דער ליבע ווערט געבראָכן דער זיסער תענוג. דער געניס פון שאַפן קומט מיט דער פאַרמאַטערט־קייט פון שווערן אָנשטרענג, און דער צויבער פון דער דערגרייכונג צערונט דורכן באַלדיקן רייץ צו אַ צווייטער דערגרייכונג.

* *
*

די זאַכן זענען אין רוים און דער רוים איז אין די זאַכן. דאָס געשען איז אין דער צייט און די צייט איז אין געשען.

* *
*

אין פּאַלאַץ פון צייט איז אָנגעגרייט פאַר דיר דער טראָן, סודות־דיקע מלכה פון לעבן! ווי אַזוי הערשסטו אָן אויפהער, ווען דער פּאַ־לאַץ אַליין פאַרשווינדט און באַנייט זיך כסדר?

דאָס לעבן גיסט זיך אָן אויפהער אין פליסיקן שטראָם פון דער צייט, און אין דאָזיקן אָן־סופיקן פלוס ווערט אונדזער טראָפּן פאַרשלונגען אויף אייביק.

**
*

מיר ווייסן: אַלץ, וואָס מיר האָבן, איז נישט אונדזערס. אַלץ האָבן מיר דערגרייכט דורכן כסדרדיקן פאַרלירן און געווינען. ווען אָבער די לעצטע שעה וועט קומען, וועלן מיר אַלץ האָבן פאַרלוירן.

**
*

מיר טראָגן אין זיך אונדזערע איינרעדענישן און חלומות, ווי אונדזער לעבן, דעם אמת און דעם שקר, די גבורה און די שוואַכקייט. אַלץ איז אונדזערס, ווי מיר זענען און אַלץ און אין גאָרנישט געוועלטיקן מיר.

**
*

כאָטש דער זיג איז אונדזערער נאָר אויף איין מאָל; כאָטש אַלץ איינס איז די לעצטע שלאַכט אַ פאַרשפּילטע, — וועלן מיר אויפשטעלן דעם טריאומף־טויער און צעוויקלען אונדזערע פאָנען.

**
*

אַלץ איז פון פאָרויס באַשטימט: דאָס קומען און דאָס אַוועקגיין. צו וואָסזשע פאַראומערן דאָס שווערע געמיט?

**
*

אין אונדזער פאַרנאַרעניש יאָגן מיר זיך נאָכן ווינט, מיט גאווה צעלאָזן מיר די זעגלען אין שטורעמדיקן ים, — ווען מיר וועלן סיי ווי פאַרשלונגען ווערן פון די כוואַליעס.

אונדזער צייט איז באַגרענעצט אין דער אומענדלעכקייט פון זיין.
— לאָמיר זשע אונדזער ענדלעכן דאָ־זיין אומענדלעך מאַכן אין דער
אייגענער שלימות.

* * *

קיינער נעמט גאָרנישט מיט אויף זיין לעצטן וועג,
אויך נישט דאָס עשירות פון די געדאַנקען. נאָר ווער ס'האָט זיי גע־
זאַמלט אין שיינע ביכער, דער האָט שוין באַקומען דעם שכר פון
זיין אָנשטרענג און געניס פון שאַפן.
און זיין לעצטע רגע וועט ער נאָך פאַרזיסן מיטן גלויבן פון אומ־
שטערבלעכקייט.

* * *

מיר נעמען, — ווי אַ קינד זיינע שפּילצייג, — צונויף דעם אָפּפאַל
און דאָס ברוכוואַרג פון אונדזער לעבן.
פּיי ווי וועט דאָס, וואָס איז נישט אייביק, פאַרוואַנדלט ווערן אין
פּראָך און אין שטויב.

* * *

מיר צייטיקן אויס אונדזער לעבן און אונדזערע פאַרלאַנגען. נאָר
ווען דאָס לעבן ווערט צייטיק — פאַרלירן מיר עס אינגאַנצן; ווען
די פאַרלאַנגען ווערן אויסגעצייפּט — פאַרלירן מיר זיי אויפן וועג
צו זייער דערפילונג...

* * *

מיט שטורעם און געשריי קומען מיר אָן, מיטן קאַמף און געראַנגל
מיט זיך אַליין לעבן מיר און מיט טיפער הכנעה גייען מיר אַוועק
אין דער אומבאַוואוסטקייט.

נישט איין זוכנדיקן גייסט האָט שוין די צייט אויפגעגעסן צוזאַמען מיט זיין דור. נאָר וואונדערלעך: דער דאָזיקער גולם פון אונדזער אייגענעם באַשאַף לעבט אונדז איבער און הערשט איבער אונדז.

* *
*

דאָס אומשטערבלעכע איז אין אַלץ אויך אינעם שטערבלעכן און דאָס שטערבלעכע פאַרשווינדט.

* *
*

אַלץ ווערט מיט דער צייט אָפּגענוצט, נאָר די מענטשלעכע אידעאַלן בלייבן שטענדיק ניי. זיי ווערן קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט אין דער גאַנצער אידעאַלער פאָרעם.

* *
*

די אייביקייט, וואָס איז איבער צייט, הערשט איבער אַלץ.
אויך מיר זענען אַ טייל פון איר מאַכט, נאָר ווען ס'וועט אויפהערן אין אונדז דאָס לעבן, וועט אויך ווערן אויסגעלאָשן אונדזער באַוואוסטזיין וועגן דער דאָזיקער אייביקייט.

* *
*

דורכן טויט קומט די שפּאַנונג; דורכן פאַרגעסן די אַלטע זכרונות קומען אויף נייע.

* *
*

די זאַכן זענען אַסך און פאַרשידן; אַסך און ווי איינס; פאַרשידן און פון איין ווערט; זיי קומען פון איין אָרט און אין איין אָרט גייען זיי.

די גרויסקייט און מעכטיקייט פון דער שאַפונג קאָן דערקענט ווערן נאָר דורך די קליינע און שוואַכע.
דאָס אומשטערבלעכע און אומבאַגרענעצטע קען נאָר אויפגענומען ווערן דורכן שטערבלעכן און באַגרענעצטן.

* *
*

דער ברונעם איז אור־אַלט און איז איינער.
די ווינטן פון דער צייט פאַרשיטן אים און די מענטשן דערגראָבן זיך צו אים ווידער, עס בייטן זיך נאָר די דורות.

* *
*

דער באַרג פון אונדזער שפּילצייג ווערט אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, ער פאַרשטעלט די שיין פון דער אייגענער ליכטיקייט און ווען די שפּילצייג וועלן ווערן אַסך, וועלן מיר זיי סיי ווי איבערלאָזן אויף הפקר.

* *
*

מיר זאַמלען אַ גאַנץ לעבן אונדזערע גראָשנס, קאַרג זענען מיר אַראָפּצונעמען עפּעס פון זיי, נאָר ווען אונדזער זאַמלונג וועט ווערן איבערפול וועט זי סיי ווי ווערן צוגענומען ביי אונדז.

* *
*

מיר זענען אַ טייל פון דער אייביקער וואַנדערונג דורך צייטן אָן אַ סוף, אויף די דאָזיקע אייביקע שליאַכן פאַלן מיר מידע, אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, מיט צעבלוטיקטע פיס.

די ערדישע פאַרגעניגנס געפונען זיך אין אַלץ: אין זיסקייט פון דער ליבע, ווי אין אַלע דערפילטע פאַרלאַנגען; אין דער הנאה פון הערשן, ווי אין געזאַמלטע פאַרמעגנס; אין דער אויפגעבלאָזענער גאווה, ווי אין געקויפטן רום... זיי אַלע אָבער פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן מענטש.

* *
*

די אומענדלעכקייט פון דער יצירה איז אַן אוראַלטע זעגל־שיף אויפן ים פון געדענקלאָזע צייטן, געטריבן דורך די אכזריותדיקע ווינטן פון נישט אײן טויט און פאַרניכטונג.

* *
*

נישט איינער ווײנט אוים זיין גליענדיקע בענקשאַפט צום ערגעץ־לאַנד, און נישט איין וועלט דערשטיקט איר אומבאַהאָלפנקייט אין־נעם שטראָם פון אייגענעם מעכאַנישן לויף.

* *
*

אָפטמאָל ווערט אונדזער אייגן לעבן צעטיילט ווי אַ טייך מיט צוויי שטראָמען און מיר אַליין ווייסן נישט מיט וועלכן שטראָם זיך לאָזן מיט אונדזער שיף. טרייסלט זיך אונדזער שיף אויפן שטורעמדיקן טייך, און זי קען זיך נישט דערשלאָגן צום אייגענעם ברעג...

* *
*

קאַפּיטל דרייצן

וועג און וועגלאָזיקייט

דער דענקער וואַנדערט אויף די וועגן פון זיינע מחשבות, דער פּאָעט — אין די לאַבירינטן פון זיינע געפילן, נאָר נישט איין מאָל קומען זיך זייערע וועגן צונויף.

* *
*

דיין וועג מענטש, איז נישט אויף די שפּיציקע באַרג־שפּועים, נאָר אין די מיטלסטע וועגן פון טאָל.

* *
*

אַלץ איז אַזוי פּשוט, אויך די וועגן זענען גלייך אויסגעלייגט, נאָר מיר אַליין קרומען זיי אויס.

* *
*

וואו אַסך וועגן, — איז אויך דער איינער פאַרפּלאָנטערט. וואו אַסך צייכנס, — איז אויך דער איינער נישט קלאָר, און מיר דאַרפן נאָר איין וועג, מיר זוכן נאָר איין איינציקן צייכן.

* *
*

די גיריקייט צו דער אייגענער מאַכט, שטראָמט דורך אַלע וועגן, אפילו דורכן וועג פון פאַרשטעלטער עניוות.

די וועלט איז אַזוי גרויס, וועגן זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל, און מיר וואָס זוכן נאָר איין וועג — קענען אויך אים נישט געפֿונען.

* *
*

פֿון דער שלימות פֿון אייגענעם איך פֿירט דער וועג צו דער העכס־טער איכהייט.

* *
*

די שיף, וואָס שווימט צו איר ברעג, ווערט געפֿירט דורך דער זיי־כערער האַנט פֿון מוטיקן שיפֿער, נאָר ווי צום רודערער וואָס פֿאַר־לירט זיך אין די שטורמישע כוואַליעס.

* *
*

די ווינטן לויפֿן פֿריי איבער אַלע וועגן, נאָר אונדזערע באַגערן און פֿאַרלאַנגען קומען באַלד נישט פֿריי.
און אויפֿן וועג צו זייער דערפֿילונג ווערן זיי צעשטערט אין אייגע־נעם קעגנזייטיקן צוזאַמענשטויס...

* *
*

אויב ס'איז ערגעץ פֿאַראַן אַ וועג צו גאָט — לאָמיר אים זוכן. נאָר אויב מיר קענען אים נישט געפֿונען — לאָמיר אין גרויסן אָנ־שטרענג, אויסטרעטן אַ נייעם וועג צו אים.

* *
*

קאַפּיטל פערצן

ליבע און האַס

וואָס שטאַרקער די ליבע צום צווייטן — אַלץ מעכטיקער די אייגן־ליבע צו זיך.

* * *

פאַר אַ געליבטער פּערזאָן איז מען זיך מקריב. פאַר אַ באַוואונדער־טער — איז נאָר דאָ יראת־הכבוד.

* * *

דער, וואָס באַלייכט די הימלען און שיקט דעם פרילינג אויף דער ערד, — פאַרוואָס שיקט ער נישט אויף אַלע שטערבלעכע די אָנ־זופיקע ליבע און נישט די, וואָס ברעכט זיך אין דער רגע פון תענוג?

* * *

דער האַסטיקער ווינט בלאָזט אָן די זעגלען און טרייבט די שיף פאָראויס אויף איר וועג... און דער האַסטיקער צאָרן טרייבט דעם מענטשן צו אומבאַרעכנטע מעשים.

* * *

דער נצחון איז דערהויבן, ווען ער קומט פון אַ ריין האַרץ און ריינע מעשים. אָבער נישט דורכן גלי פון האַס און דורך שלעכטע און גע־מיינע מעשים.

אַלץ איז אַ פּאַרפּירעניש, אויך די שפּיל פון דער ליבע. נאָר בעסער די מסירת־נפש פאַר דער ליבע, איידער פאַר דער פיינטשאַפט.

* *
*

די מילדע לוסטיקייט פון פרימאָרגן פאַלט נישט אויף זייערע אויגן. זיי, די צעפּרעסענע פון ווילדער שנאה, זוכן די פינצטערניש, כדי דורך איר צו באַרויבן די ליבע און די הערצער פון די אומשולדיקע.

* *
*

ווי אַ וואָרעם, וואָס ליגט אין דער פינצטערניש פון דער פוילנדיקער פרוכט, ליגן זיי אין דער טונקלקייט פון האַרץ פון זייער שנאה און טאָטשן וועלן זיי דאָס דאָזיקע האַרץ, ביז זיי וועלן אַליין אומקו־מען אין קעגנזייטיקער צעפאַלעניש...

* *
*

ליבע צום צווייטן איז דער פולסטער אויסדרוק פון אייגענעם איך, פון „עגאָ". אינעם צווייטן זעט דער מענטש זיך.

* *
*

די צייטיקע ליבע איז ווי אַ רייפע פרוכט, וואָס קען מער זיך אַליין נישט דערטראָגן, נאָר וואַרט זיך אָפּצוגעבן אינגאַנצן מיט דער פו־לער זיסקייט.

* *
*

מענטשן זוכן אַ צוועק אין יעדער זאַך — מיר לעבן דאָך אין אַ צייט פון אַנטוויקלטער קולטור! קיין שום זאַך ווערט נישט געגעבן בחינם, אַלץ נעמט און גיט, אויך גאָט...

מיר מוזן זיך אָבער אומקערן צו אָט דער צייט, ווען אַלץ איז געווען אַזוי פּשוט, ווי די ליבע צו מענטשן און צו גאָט.

מיר קושן די וועלט מיט אונדזערע אויגן און מיט יעדן באַריר פון אונדזער אָטעם, אויך אונדזערע געפילן און געדאַנקען מוזן ערגעץ געקושט און באַרירט ווערן...

* *
*

אין דער ליידיקסטער ליידיקייט איז אויך גאָרנישט ליידיק.

* *
*

איז עפּעס פאַראַן, אַחוץ דאָס אייגענע לעבן אויף דער ערד, וואָס זאָל טראָגן אונדזער געשטאַלט, ווי איינער, וואָס טראָגט דאָס בילד פון זיין געליבטער אויפן האַרץ?
איז עמעצער גרייט אונדז איינצושליסן אין זיינע אָרעמס אין אַלע צייטן און אין אַלע באַדינגונגען?

* *
*

אויב די ליבע אָן גרענעצן איז אַלץ — זאָל זי ריין זיין פון יעדן טראָפּן ביטערקייט.

* *
*

זיי וואָס פּריידיקן די ליבע פון גאָט, דעם בעל־רחמים, האָבן זייערע הערצער פאַרשטיינט פאַר די געשרייען פון די הילפלאָזע. אויך די, וואָס האָבן אַליין פאַרגאָסן דאָס בלוט פון אַלטע און קראַנקע און קינדערשע קעפּלעך, אויף שטיינער צעשמעטערט, רעדן פון ליבע און גאָט.

* *
*

מיר ווילן זיך צעגיסן מיטן שטראָם פון אַלץ אַרומנעמענדיקער פולקייט. מיר גלוסטן דורך דער אַנטציקנדיקער זיסקייט פון דער דאָזיקער אומענדלעכער ליבע, אויסגעלייזט צו ווערן אויף אייביק...

קאַפּיטל פופצן

גענוס און נזירות

שלעכט איז דאָס גליסטן, נאָר ערגער — אינגאַנצן נישט גליסטן.

**
*

מ'אַנטלויפט פון דער מאַסע צוליב גאווה, אָדער עניוות. דער גרויסער יחיד אַנטלויפט צוליב זיך אַליין.

**
*

אויספירן די אייגענע גליסטונגען איז שווער. צוימען די גליסטונגען איז נאָך שווערער.

**
*

ס'איז אַ תענוג צו זינקען אין דער טיפעניש פון די אייגענע געדאַנקען און קיינמאָל נישט אַרויפשוואומען אויף דער טומלדיקער אויבערפלאַך.

**
*

פלאַמיק איז די גליסטונג, ווען זי קומט ווי דער ריינסטער רוף פון אייגענעם האַרץ.

**
*

דער סעקסועלער גענוס איז דער גרעסטער שוחד פון דער נאַטור פאַרן בעל־חי, כדי אונטערצוהאַלטן דאָס לעבן...

**
*

אַלץ איז גוט אין דער מאָס. אפילו דער זיסטער תענוג.

אַליך איז באַשטימט. נישט די קענסט עפּעס צוגעבן, אָדער אַראָפּ־נעמען. לאָמיר דעריבער טרינקען פון דער לוסט, זעטיקן אונדזער לייב מיט אַלע גליסטונגען און אין גלייכגעוויכט פון די כוחות — אויך אָנפּילן אונדזער גייסט מיט אַלע שאַפונגס פריידן.

* * *

די גליסטונגען און באַגערן אין אונדז זענען די וועגן צו שטילן אונדזער אויסגייענדיקע בענקשאַפט.
דער פּלאַם פון האַרץ צינדט זיך און לעשט זיך לויט דעם אויסגע־מאָסטענעם ריטם פון באַהאַלטענעם יוצר.

* * *

די פאַרלאַנגען און גליסטונגען רייצן אונדז ווי די שענסטע צירונג, ווי שווערע קייטן אָבער דריקן זיי אויף אונדז, ווען זיי ווערן נישט דערפילט.

* * *

נאָר אַ קורצע צייט צינדט די בשורה אונטער דאָס פייער פון אונדזער האַרץ. אויך דער זיסטער תענוג רוימט אָפּ זיין אָרט פאַר דעם וואָס קומט נאָך אים. נאָר די פריידיקע אמונה, וואָס קומט פון דער טיף, קען אונטערהאַלטן דעם פלאַם פון לעבן.

* * *

די גייסטיקע פּאַרטיפונג פון מענטש איז נישט נאָר אַ גענוס, נאָר דער וועג צו דער אייגענער שלימות.

* * *

די אייגן־ליבע איז מעכטיקער פאַר אַליך. אויך דער, וואָס אַנטלויפט פון לעבן, אַנטלויפט נאָר צוליב זיך.

קאַפּיטל זעכצן

גייסט און חומר

פּונקט ווי דער גייסט מוז האָבן זיין לבוש — דעם חומר, מוז די מאַטעריע האָבן דעם גייסט.

*
**

אויך פון דער מאַטעריע זעסטו בלויז דאָס אויסנווייניקסטע, נאָר פונעם גייסט ווערסטו אויך דאָס אויסנווייניקסטע נישט זען.

*
**

בעסער דאָס פלאַמיקע געפיל וואָס צעבליט דאָס לעבן, איידער די טונקעלע מחשבות פון גייסט.

*
**

בעסער די פאַרגאַפטע התלהבות פון דער בין, איידער די שווערע ספקות פון מוח.

*
**

אין קערפּער, ווי אין דער נשמה, איז נישטאָ קיין פאַרגליווערן.

*
**

ווי דאָס פּנים איז דער שפּיגל פון קערפּער, אַזוי איז דער כאַראַק־טער — דער שפּיגל פון גייסט.
זיינע האַנדלונגען אַנטפּלעקן אָבער נישט אַלץ.

*
**

„אַלץ איז פליסיק", אויך די מענטשלעכע געדאַנקען.

פאַראַנען פאַרשידענע מדרגות פון געדאַנק.
פאַראַן אַ געדאַנק, אַ פרוכטבאַרער בוים, נאָר וואָס רייפט נישט אויף זיינע פרוכטן; אַ געדאַנק, וואָס איז ווי אַ בוים מיט רייפע פרוכטן, נאָר ער קען זיי אַליין נישט אָפּוואַרפן, און אַ געדאַנק, וואָס איז אויסגערייפט, נאָר ער ווערט נישט אַרויסגעזאָגט אין דער צייט...

* *
*

דיין גייסט, איז אַ פונק פון גרויסן פלאַם.
די פעדעם פון דיין האַרץ ציען זיך צום האַרץ פון דער וועלט, און אויך דיין צער איז אַ טייל פון גרויסן וועלט־צער.

* *
*

אויך אין גייסט איז נישטאָ קיין פרייהייט.
דער מכלומרשט פרייער גייסט באַוועגט זיך נאָר אין די גרענעצן, וואָס זענען צוגעגרייט פון בראשית. אָבער אויך דער דאָזיקער באַגרענעצטער שטח איז גענוג גרויס פאַר אַ מענטשלעך לעבן.

* *
*

אויך דער גייסט האָט זיין אַקראָבאַטיק: די סאָפיסטישע געדאַנקען־פאָרמולירונגען פונעם דענקער.

* *
*

איבערגעטריבענע גאווה איז אַ סם פאַרן גייסט. נאָך ערגער פאַרן גייסט איז דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט.

* *
*

די געדאַנקען, ווי פעדעם, וויקלען זיך פון זייער אָנהויב. דאָס שווערסטע איז דער אָנהויב; גאָר אומבאַגרייפלעך, איז דער ערב אָנהויב.

דאָס פיזישע פאַלן קומט דורכן פאַרלירן דעם קערפּערלעכן גלייכ־געוויכט. דאָס מאָראַלישע פאַלן — דורך דער נישט־גלייכקייט פון די גייסטיקע כוחות.

**
*

די דערקענטעניש פּרעטענדירט צו געבן דעם מענטשן אַ זיכערן וויסן, נאָר די דערקענטעניש אַליין איז געבויט אויף אַ נישט־זי־כערן יסוד.

**
*

די פּיין פון קערפּער איז געווען גרויס פאַר אַ מענטשלעך לעבן, איז אונדז נאָך געגעבן געוואָרן די בלאָנדזשענישן פון גייסט און דעם צער פון זיינע וואַקלענישן.

**
*

דער מענטש זאָרגט זיך, ווען די טריקעניש צערט אויס זיינע פעל־דער, נאָר ער איז זיך איינגאַנצן נישט מצער, ווען די טריקעניש צערט אויס זיין גייסט.

**
*

דער איך קומט פון זיך אַליין, פון אינעווייניק, ער איז אין זיך און איבער זיך;
די נשמה און דער קערפּער, פּונקט ווי זיינע אייגענע אָרגאַנען, זע־נען אין באַציאונגען מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם זעלבסט.

**
*

די סובסטאַנץ נעמט אַריין אין זיך אַלע זאַכן און דערשיינונגען, ווי דאָס גאַנצע זיין. דאָס זיין איז אין דער סובסטאַנץ און די סובסטאַנץ איז אין דעם זיין.

וואָלט דאָס וואָרט געווען גלייך ווירקנדיק, ווי די מעשים, וואָלט די וועלט שוין לאַנג געלעגן אַ חרובֿע.

* * *

דאָס, וואָס דער צווייטער רעדט דיר איין איז נישט זיכער, נאָר דאָס, וואָס דו רעדסט זיך אַליין איין — אויב עס פאַרפירט — האַלט עס דיר כאָטש אונטער דעם גייסט.

* * *

וואָס מער מ'אַנטוויקלט דעם קערפּער, וואָס מער ער אַרבעט, — אַלץ שטאַרקער ווערט ער.
נאָר וואָס מער ס'אַנטוויקלט זיך דער גייסט, וואָס מער ער נעמט זיך אָן מיט וויסן אַלץ שוואַכער ווערט ער און אַלץ ווייניקער ווייסט ער.

* * *

קיין שום זאַך גייט נישט לאיבוד אין דער נאַטור.
עס בייטן זיך נאָר די עלעמענטן, אויך אין צעפאַלעניש גייט נאָר איבער דער קערפּער אין אַ צווייטן עלעמענט, ער קערט זיך אום צו זיין ערשטן מקור...
וואָס ווילסטו נאָך מענטש ? אויך אין דיין ווייטסטן וועג ווערסטו נישט פאַרפאַלן, קערסט זיך צוריק אום אַהיים.

* * *

דער באַוואוסטזיין פון אייגענעם איך באַשאַפט דעם מענטשן און דער מענטש אַליין באַשאַפט זיין איך.

* * *

דער מענטש טראָגט זיך אַליין און פון זיך אַליין ווערט ער גע־טראָגן, ער איז דער אָביעקט און דער סוביעקט פון זיך אַליין.

צוליבן גערַאנגל פון די פיזיש־ביאָלאָגישע כוחות, מיט די פיזיש־גייסטיקע, בייטן זיך די געמיט־צושטאַנדן אין מענטשן.
נישט געקוקט אויפן אינעווייניקסטן גערַאנגל, בעטן זיי זיך איבער, און טרעטן אויסערלעך אַרויס ווי איין איינציקער האַרמאָני־שער כוח.

**
*

דער מענטש זאָרגט זיך פאַר דער פרייהייט פון קערפּער, נאָר נישט פאַר דער פרייהייט פון דער נשמה און האַרץ. אויך אַ נשמה, אַ האַרץ וויל פריי זיין פון דער אייגענער קלעם.

**
*

דער פרילינג איז פול מיט שאַפנדיקער פרייד, ווי די זומער־טעג מיט שפע פון ליכט.
אין דעם דאָזיקן זיסן שטראָם פון צייט צינדט זיך אונדזער ליידנ־שאַפט אין אַלע גלידער פון אונדזער קערפּער.

**
*

ווען די זון באַגעגנט זיך מיט דער ערד, — פלייצט איר ליכט דורכן שיין פון אונדזערע אויגן.
ווען מיר באַגעגענען זיך מיט דער ערד, — גייט אויס דאָס לעצטע ליכט פון אונדזערע אויגן.

**
*

אויב אַלץ איז אַנטשטאַנען פון דער מאַטעריע, איז די מאַטעריע אַליין גייסט. אויב דאָס מאַטעריעלע אין מענטש שיידט אויס דאָס גייסטיקע — איז נישטאָ קיין גרענעץ צווישן קערפּער און נשמה.

די ספקות זאַמלען זיך ווי טשאַטעס פייגל און מיט זייערע פליגל פאַרשטעלן זיי אונדז דעם הימל.

* *
*

מיר זענען אַריינגעוועבט אינעם אַלגעמיינעם געוועב און דער זין איז פון אונדז פאַרהוילן; מיר זענען מיט אַ גייסט באַשאַנקען און זיין וועג איז פאַר אונדז פאַרשטעלט.

* *
*

דער באַוואוסטזיין אַנטוויקלט זיך אינעם מענטשן ווי דאָס לעבן אין אים. מיטן אויפהערן פונעם לעבן הערט אויך אויף דער באַוואוסטזיין צוגלייך מיט אַלע כוחות אינעם מענטשן.

* *
*

דער באַוואוסטזיין שטראָמט אָן אויפהער אין אונדז, ווי דער שטראָם פון אַ טייך וואָס גייט נישט אַריבער זיין ברעג

* *
*

אַלע געדאַנקען פליסן אַריין אין מוח און דער מוח ווערט נישט איבערפולט.
די אָבער וואָס זענען פּעאיק זיך אויסצוקעמפן אַן אָרט אויף דער אויבערפלאַך, קומען אויף, פאַרנעמען אַן אָרט אין אונדזער באַוואוסטזיין.

* *
*

ווי אַ טויכער, וואָס טויכט אויף פון די טונקלסטע גרונטן פונעם ים — טויכן אויף אין זכרון, דעראינערונגען פון פאַרגאַנגענע צייטן.

קאַפּיטל זיבעצן

פלאַם און כוואַליע

דאָס לעבן איז אַ נאָכאַנאַנדיקע שריפה און מיר אַלע ראַנגלען זיך אין אירע פלאַמען נאָר דעם אונטערצינדער קען קיינער נישט פּאַקן, כאָטש ער איז מיט אונדז צוזאַמען.

* * *

בכדי זיך צו פאַראייניקן מיטן גרויסן פלאַם — דאַרף מען אַליין זיין אַ שטיק פלאַם.

* * *

לויף נישט צום פאַרניכטנדיקן שטראָם!... ווען די צייט וועט קו־מען, וועט ער דיך אַליין צענויפגיסן מיט אַלע אייביקע וואַסערן...

* * *

די פייער־פליגן וואַרפן זיך אין דער שריפה פון פרעמדן פייער. זיי ווייסן נישט, די אָרעמע, אַז מען קען אויך אין אייגענעם שריפה־פלאַם ווערן פאַרברענט.

* * *

ווי אַ פאַנטאַן, וואָס שלינגט דעם אייגענעם שפּריץ — טרינק פון די טיפענישן פון אייגענעם קוואַל.

די לוסט פלאַמט אויף אין אייגענעם פייער, און די מרה־שחורה באַפאַלט דורך טיפער מידקייט אין אויסגעלאָשענעם פייער.

* *
*

וואָס האָט מען פון קוועלענדיקן ברונעם, ווען מען קען נישט דער־גרייכן צו זיין וואַסער?

* *
*

מיט וואַסער וועסטו אָפּוואַשן דיין אומריינעם קערפּער.
מיט אַלע וואַסערן פון דער וועלט וועסטו נישט אָפּוואַשן דיין אומ־ריין געוויסן.

* *
*

מיר שמעלצן זיך אין אייגענעם פלאַם; ווי אַ בלום וואָס צעוואַרפט איר שיינקייט, צעוואַרפן מיר די פונקען פון דער אייגענער שריפה ביז עס וועט אין יסורים אויסגעלאָשן ווערן אונדזער פייער אויף אייביק...

* *
*

קאַפּיטל אַכצן

פרייד און לייד

די וווּנטיקן פון געבוירט זענען די זיסקייטן פון באַשאַף.

* * *

שוין אין די בעסטע טעג פון אונדזער פרייד איז אָנגעגרייט די צייט פון אונדזער צעפאַלן.

* * *

די וועגן צו דער אַנטציקונג זענען אויסגעשפּרייט מיט טעפּיכער פון ליידן און די אַנטציקונג אַליין קומט אויף מיט אַ זיסקייט פון אַן אָפּעראַציע, באַוואוסטזיין.

* * *

אַ קינדערשער שמייכל איז אַ צעפינקלטער טראָפּן־טוי קעגן זוניקן פלאַם. די זון קושט אוים דעם טראָפּן, פונקט ווי ס׳פאַרשווינדט דער שמייכל פונעם קינד.

* * *

נאָר איין מאָל רייסט דער קנאָספּ אויף די אויגן זיינע צו דער זון און די פרייד פון צעבליאונג שטורעמט אַרוים פון זיין פאַרמאַכט האַרץ. נאָר אַ מענטשנס האַרץ קען זיך קיינמאָל נישט צעשטורע־מען מיט ריינע, פולע פרייד.

פאַרהוילן זענען די וועגן פון באַשאַף:
שוין אין דער פרייד איז באַהאַלטן דאָס קערנדל פון צער און נאָך אין דער זיסקייט — דער ביטערניש־טראָפּן.

* *
*

אויב אַרום דיר איז נישטאָ קיין פרייד — שלאָג די אייגענע חדווה אַרויס פון דיינע פאַרבאָרגנסטע טיפענישן.

* *
*

קיינער וועט נישט צונעמען דיין צער.
דער גרעסטער פרייז פאַר אים איז נאָר אַ מענטשלעכע טרייסט.

* *
*

ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, פיל אָן דיין לעבן מיט אַלע פריידן פון דער וועלט.

* *
*

דיין געוויין וועט נאָר אַרויסרופן שרעק ביי דיין פריינד, ער קען דיר גאָרנישט העלפן טאָ פאַרפינצטער אים נישט זיין אַזוי אויך שווער געמיט.

* *
*

בעסער דערשטיק דיין פיין נאָך אין וואָרצל. זאָל דיין האַרץ נישט וויינען אַפילו אין דער שטיל.

* *
*

איין פרייד־אויפבליק פון דער טיפעניש פון אייגן האַרץ העלט מער אויף ווי אַלע ליכטער פון דער וועלט.

פריידיק איז די אמונה ווען זי איז גאַנץ.

* *
*

נאָר אין איין לעבן באַרירסטו די וועלט מיט דיין אָטעם, נאָר איין מאָל טרינקען דיינע אויגן פון איר ליכטיקייט, נעמזשע צונויף אַלע פריידן פון איר שפע — און גיס זיי אַריין אין דיין האַרץ.

* *
*

די פרייד וואָס פאַרשווינדט אין אונדז איז די זון וואָס פאַרגייט אין דעמערונג. די פרייד וואָס קומט אויף אין אונדז איז דער זוניקער מאָרגן־אויפשיין.

* *
*

דאָס געפיל פון מינדערווערטיקייט צעשטערט דעם מענטשלעכן גלייכגעוויכט. די מרה־שחורה פאַראַליזירט זיין לעבנס־ענערגיע.

* *
*

נישט גלייך זענען די ליידן צוליבן וויטיק פון דער נאָענטסטער פערזאָן, ווי אַליין צו האָבן דעם ווייטיק.

* *
*

ווי נישטיק איז די פאַלשע פרייד פון טעכנישן פראָגרעס!
בעסער די גייסטיקע שלווה פון פריידיקע הערצער, איידער דער שטורעם־טראָמפּייט פון טעכנישן פאָרשריט. בעסער די דערהויבנ־קייט פון דער עכטער ליבע, איידער די באַקוועמלעכקייט פון דער טעכניק.

דער צער איבער דעם אָנווער פון דער נאָענטער פערזאָן איז דאָס געפיל פון אייגענעם עגאָאיזם, נאָר אויך די אייגן־ליבע איז מער נישט ווי אַ ווערקצייג אין אַנדערע הענט.

***

אַלץ איז אַ פאַרנאַרעריש, אויך די פרייד. נאָר בעסער די פאַרנאַרעריש פון דער פרייד, איידער פון צעפרעסנדיקן צער.

***

דער שטאַרקסטער ווײַן קען נישט אַזוי אויפמונטערן ווי די אינערלעכע פרייד. דער ווײַן באַטויבט דעם באַוואוסטזיין; די שיכרות פון פריידיקן האַרץ — העלט אויף דעם באַוואוסטזיין.

***

די עכטע פרייד קומט פון פאַרשיכורטע הערצער און נישט פון הייזעריקע העלדזער.

***

גוט איז צו זינקען אין דער טיפעניש פון סוד, גוט איז צו שעפּן פון טיפן פריידיקן קוואַל און גוט איז צו רוען אויפן געבענטשטן גרונט פון דער אייביקער שלווה.

***

דער עקסטאַז־אויסברוך פון אַ פריידיקער נשמה קומט פון פריידיקן האַרץ פון דער וועלט, ווי דער טיפער צער פון אַ צעוויייטיקט האַרץ קומט פון גרויסן צער פון דער וועלט, און זיי ביידע קומען פון איין מקור.

אַליך, וואָס איז ווערטפול, איז באַהאַלטן אין די טיפענישן.
אויך די עקסטאַזן פון לעבן קומען פון דער טיפסטער טיפעניש —
פון דער יצירה.

*
**

ווי אַ בליץ קומט אויף די פרייד און פאַרשווינדט. און דער צער פון
צעשיידונג איז אַזוי גרויס!...

*
**

איין ליכט־שטראַל האָט אַ שלאָג־געטאָן אין אונדזערע אויגן און
שוין זענען זיי פול געוואָרן מיט ליכט.
נאָר די גרויסע פרייד פון דער יצירה האָבן מיר נאָך קיין איין מאָל
נישט דערפילט און מיר זוכן זי אַרום אַ גאַנץ לעבן.

*
**

צי האָט אויך די פרייד אַ האַרץ וואָס פילט?
צי אויך דער צער פאַרצערט זיך אַליין, ווי דער מענטש וואָס פאַר־
ברענט זיך אין זיין אייגענער שריפה?

*
**

וואו ס'איז לעבן — דאָרט איז צער, וואו ס'קומט ליכט — קומט
אויך שאָטן, וואו די רו — דאָרט די מידקייט, און וואו תענוג —
מוז זיין פיין.

*
**

ווי די בין באַרוישט זיך אַליין אין עקסטאַז פון איר לעבן, שלאָגן
מיר אַרויס די חדוה פון אונדזערע באַהעלטענישן, אין די נחתדיקע
מינוטן פון אונדזער זיין.

דער פרייד־אויסגוס פון דער טיפעניש פון אייגן האַרץ איז מער ווי די פריילעכקייט פון דער שטורעמדיקער מוזיק. איין שמייכל פון דער אייגענער טיפעניש איז מער ווי דאָס שטורעמדיקסטע געלעכ־טער פון טויזנטער פּאַיאַצן.

* *
*

געווג קרענקונג איז פאַראַן אין אַ מענטשנס האַרץ, כדי ער זאָל דורך זיין גיריקייט פאַרשאַפן זיך נאָך מער עגמת־נפש.

* *
*

מיר טראָגן שווער אויס אונדזער לעבן. מיר טראָגן דאָס אייגענע אין אונדז און דאָס פרעמדע. דאָס וואָס איז אונדז באַוואוסטע און דאָס אומבאַוואוסטע.
דאָס באַגערטע און אומגעבעטענע.
און מיר דאַרפן נאָך אויספוצן די אייגענע געצוואונגענקייט אין גלאַנץ און אין פּראַכט און מיט אַזאַ אָנשטעל אַרויסשטעלן אַלע פאַרבן פון געמאַכטער פרייד.

* *
*

אַ מענטשלעך האַרץ קען נישט אויפנעמען דאָס, וואָס קומט פּלוצ־לונג אָן — דעם צער, ווי די גרויסע פרייד.

* *
*

מיר גאַרן נאָך דער אייביקער יונגקייט פון אונדזער לעבן, די גרוי־סע פרייד, וואָס געפינט זיך אויסער אונדז, ווילן מיר אַריינגעמען אין זיך און אין דאָזיקן פריידיקן לאָגל דערטרונקען אונדזער בוי־טערניש.

קאַפּיטל ניינצן

אַנטפּלעקונג און סוד

אונדזער זע־אָרגאַן באַשאַפט נאָר די בילדער פון די זאַכן, זייער רעאַלער עצם דרינגט צו אונדז נישט אַריין. בפרט איז פאַר אונדז פאַרבאָרגן דער אינעווייניקסטער קערן.

* *
*

אין דער טיפער שטילקייט פון אונדזער וועזן שטאַרקט זיך די בענקשאַפט צום אומבאַוואוסטן, און אַליין זיין מיט אונדזער איך זוכן מיר דעם יסוד פון אונדזער זיין.

* *
*

מיר קענען נישט דעם קעניג איבער אונדז, מיר האָבן קיינמאָל נישט געזען זיין טראָן, נאָר אַלץ איינס היטן מיר זיין חוב, ווי דעם אוצר פון אונדזער לעבן, און ווען די צייט וועט קומען וועלן מיר אים אַלץ אָפּצאָלן מיט איין מאָל.

* *
*

דאָס קלאָרע ווערט אויסגעטיילט און דערקענט דורכן נישט, קלאָרן, דורך דער קאָנטראַסטירונג פון די דערשיינונגען טיילן מיר אויס דאָס ווערטפולע פון מינדערווערטיקן.

ווי גאָלד־אָדערלעך אַרויסגענומען פון גאָלד־גרובנס, ווערן טראָפנס באַוואוסטזיין אַרויסגעצויגן פון אונטערבאַוואוסטזיין.

* *
*

דורכן שלימותדיקן דערקענען זאַכן און דערשיינונגען שאַפט מען זיי איבער....

* *
*

דורכן שלימותדיקן באַנעמען דעם אינערלעכן תוך פון דער יצירה ווערט מען אַ שותף צו דער יצירה.

* *
*

דער אוצר פון אונדזער איך איז אין זיין סודותדיקסטן אָרט באַהאַלטן, אים באַרויבן קען נאָר דער, וואָס האָט דעם שליסל צו זיין באַהעלטעניש.

* *
*

שווער איז צו באַגרייפן דאָס נישט באַגרייפלעכע; אוממעגלעך איז אויפצודעקן דאָס נישט פאַראַנענע...

* *
*

שווער איז צו נידערן אין די טיפענישן פון לעבן, בכדי אויפצורייסן דאָס לייב פון דער אייגענער פינצטערניש.

* *
*

די באַגערן אין אונדז רייסן זיך מיט יאָמער און געשריי צו דערפּילונג. נאָר ווער האָט געפלאָכטן אַ צוים און זיי פאַרשטעלט דעם וועג?

די, וואָס ווילן פאַנגען דעם סוד פון דער יצירה, ווערן געפאַנגען פון זייערע אייגענע אילוזיעס.

* * *

קיינער ווייסט נישט דעם וועג פון פאַרשטאַנד, ווי ס'ווייסט נישט קיינער פאַרוואָס ס'מוז יעדער טראָפּן באַוואוסטזיין אויפגיין אין אַ גערעַנגל פון פינצטערניש און ספקות, פונקט ווי אונדזער קערפּער מוז דערקענט ווערן נאָר דורכן אייגענעם ווייטיק.

* * *

ווען די מענטשן וואָלטן באַגרייפט זייער אייגענע באַגרענעצקייט, וואָלטן זיי נישט אָפּגעשפּאָט פון יענעמס. וואָלטן זיי באַגרייפט די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט, וואָלט די גאווה נישט געפונען קיין אָרט אין זייער האַרץ.

* * *

מיר מאַכן אַן אָפּבילד פון יעדער זאַך, אויך פון מענטשלעכן קערפּער, אפילו פון אויסדרוק פון די אויגן, נאָר קיינער קען נישט מאַכן קיין אָפּבילד פון מענטשנס אינערלעך וועזן.

* * *

דער מענטש וואָס קען זיך אַליין נישט באַגרייפן, וויל דערקענען דעם העכסטן וועזן.

* * *

אַלץ, וואָס דער מענטש טוט, עקזיסטירט אין געדאַנק און אין דער מעגלעכקייט, נאָר נישט אַלץ, וואָס קומט אויף אין זיין געדאַנק און פאָרשטעלונג, איז מעגלעך.

אין דער פּשטות פון לעבן טראָגן מיר אַליין אַריין אונדזער פּלאָנ־טער, אין דער אָנגעשטרענגטקייט פון אונדזער זיין נעמען מיר אויף דאָס אומקלאָרע פאַרן קלאָרן.

* * *

פאַרגאַפט איז אונדזער גייסט אין יראת־הכבוד און טיפער פאַר־וואונדערונג. מיר באַוואונדערן דאָס, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז און אויך דאָס, וואָס איז פון אונדז פאַרבאָרגן.
מעגלעך, אַז אין דעם באַהאַלטענעם איז דאָ מער וואונדער ווי אין דעם אַנטפּלעקטן, נאָר מיר באַגערן בעסער דעם פרייִדיקן עקסטאַז פון געוויינלעכן, ווי די קאַלטע באַוואונדערונג פון די גרויסע זאַכן...

* * *

דער מענטש קומט פון דער אומבאַוואוסטקייט און אין דער אומ־באַוואוסטקייט גייט ער אַוועק.

* * *

וואונדערלעך זענען די בלעטער אין בוך פון דער וועלט.
אַ טייל קענען אינגאַנצן נישט לייענען דאָס, וואָס אין זיי איז גע־שריבן און אַ טייל זענען גענוג געלערנט, בכדי זיי צו לייענען, נאָר פאַרשטייען אינגאַנצן נישט זייער באַדייט.

* * *

ער איז אָפּגעזונדערט אין צימער, פאַרשלאָסן אין זיך; אין הייליקייט און ריינקייט זוכט ער די נאָענטע פאַרבינדונג מיט דעם וואָס פאַרבינדט אַלץ; איינזאַם, אַנטוישט אין די אילוזאָרישע פריידן פון טאָג וויל ער זיך צונויפגיסן מיט דער שטראַלנדיקער ליכטי־קייט פון דער אייביקער פרייד.

דער מענטש איז דאָס איינציקע ווערק וואָס באַטייליקט זיך אין דער שאַפונג פון אייגענעם זעלבסט.

* *
*

נישט נאָר די נאַטור באַשאַפט פאַרשידענע פאָרמען, נאָר אויך מיר אַליין באַשאַפן אַ טייל פאָרמען פון אונדזער זיין.

* *
*

מיר קלאַמערן זיך אינעם לעבן, ווי אין אַ טייערן געשאַנק פון אַן אומבאַקאַנטן. מיר קענען נישט דעם פרייגיביקן און דעריבער גייען מיר זיך פאָרזיכטיק אום מיט אים און מיט זיין מתנה, וואָס איז, ווי ער אַליין, פול מיט סודות.
ער, וואָס האָט נישט געפרעגט אונדזער ווילן, האָט אונדז אויך נישט געשטעלט קיין תנאי פאַר זיין מתנה.
ווי־זשע קענען מיר אים אָפּצאָלן מיט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, און אַליין אַוועקגיין מיט גאָרנישט?

* *
*

די יצירה איז אַ קנויל וואָס איז פאַרפּלאָנטערט אין אַ נאָך גרעסערן פּלאָנטער.

* *
*

נישט די שטערן האָבן אַליין געוועלט זייער שווייגן, נישט דאָס האַרץ האָט זיך אַליין פאַרמאַכט אין איר שאָל. אויך דאָס וואָרט קען נישט פריי אַרויסברענגען אַלע רעגונגען און געפילן און דער באַוואוסטזיין קען אויך נישט אויסקלאָרן אַלץ וואָס קומט אויף אין זיינע טונקעלע לאַבירינטן.

אין טיפסטער שטילקייט וויל איך פאַרנעמען די שטילסטע שטים פון מיין וועזן.
איך וויל זיך איינהערן צום אייגענעם פאַרלאַנג, כדי צו וויסן דעם מקור פון אַלע פאַרלאַנגען.

* *
*

די סודות פון דער נאַטור זענען, ווי אומצאָליקע וואַך־פּאָסטנס, צע־שטעלט איבערן גאַנצן וועג וואָס פירט צום הערשערס פּאַלאַץ.
וויל מען באַהערשן דעם פּאַלאַץ, כדי צו צוקומען צום הערשער אַליין, מוז מען פריער באַזייטיקן די וואַך־פּאָסטנס.
ווען די דאָזיקע אוממעגלעכע אַרבעט וואָלט געקריינט געוואָרן מיט דערפאָלג, וואָלט עס געווען די גרעסטע איבערקערעניש וואָס די מענטשלעכע געשיכטע קען נאָך נישט ביז איצט.
עס וואָלט אָבער פאָרגעקומען אַ צווייטע מעשה בראשית: דער מענטש וואָלט געוואָרן גאָט און גאָט וואָלט געוואָרן מענטש.

* *
*

ס'קען זיין ס'איז בעסער, וואָס גאָט איז איינגעהילט אין טיפסטן סוד. וואָלט ער זיך אַנטפּלעקט — וואָלטן מיר גאָרנישט מער גע־האַט וואָס צו זוכן. אונדזער לעבן וואָלט געוואָרן נודנע, פּוסט און נאָך מער אומערטרעגלעך.
ס'קען אויך זיין, אַז די סודות, מיט וועלכע די וועלט איז אַרומגע־נומען, זענען די לייב־וואַך וואָס לאָזט צו אים נישט צו.
ערשט ווען אונדזער באַוואוסטזיין וועט מאַכן די גרעסטע רעוואָלו־ציאָנערע אָנשטרענגונג און מיר וועלן באַזייטיקן אַלע רעטעניש־פּונקטן ביז אים, וועלן מיר דעמאָלט דעראָבערן זיין רעטענישפולן טראָן.

ווייזט אויס, אַז חשיבות ליגט אין ווייטקייט. וואָס נענטער — אַלץ וואָכעדיקער. וואָס ווייניקער אָפּט אַלץ רייצנדיקער.
איין מאָל אין אַ לעבן איז ווי אַ זעלטענער גאַסט. דאָס איינע מאָל אין לעבן אויך נישט — איז נאָך מער ווי אַ גאַסט.
גאָט איז זייער הויך און ווייט פון אונדז, ער האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט באַוויזן... איז נישט קיין וואונדער, וואָס ער איז אַזוי חשוב, כולו רייך, בלויז סוד, סוד פון אַלע סודות...

* *
*

דער מייסטער מוז פאַרשטיין זיין ווערק. דאָס ווערק מוז נישט קע־נען דעם מייסטער.

* *
*

אַלץ ליגט אין סייף פון דער וועלט, מען דאַרף נאָר געפונען דעם שליסל.

* *
*

מיר זענען נאָענט צו זיך און מיר פאַרשטיין זיך נישט. איז ווי אַזוי זאָלן מיר פאַרשטיין די וועלטן וואָס זענען אַזוי ווייט פון אונדז? ווער שמועסט נאָך דאָס ווייטסטע פון אַלע ווייטקייטן?..

* *
*

דאָס נאָענטע פאַרשטיין מיר נישט און דאָס ווייטע דערגרייכן מיר נישט.

* *
*

קיין זאַך שפּראָצט נישט אויף, ווען עס ווערט נישט פאַרזייט, אויך נישט געדאַנק.
דאָס פּלוצימדיקע אויפשפּראָצן פונעם געדאַנק איז אַ פאַרבאָרגענע רייפקייט, וואָס קריכט אַרויס פונעם אונטערבאַוואוסטזיין. —

קאַפּיטל צוואַנציק

לעבן און טויט

דער פּראָצעס פון מענטשלעכן לעבן איז אַ שטרעבן צו אַלץ נייע דערגרייכונגען. און די צייט פון זיין לעבן איז דער דויער פון זיינע גליסטונגען און פאַרלאַנגען.

* *
*

כאָטש דו ביסט פאַרמשפּט אויף אייביק צום פאַרשפּילן אין וועלט-געיעג מיט דער וועלט;
הגם ס'איז נאָך פון בראשית אָנגעגרייט פאַר דיר די דערנער-קרוין פון אַ באַזיגטן, — זאָלסטו נישט זאָגן: צו וואָס די אָנשטרענגונג?
נאָר מיטמאַכן זאָלסטו די שפּיל ביז צום סוף...

* *
*

וועסט פליען איבער די וואָלקנס, וועסט שפּרייזן איבערן ים, קלעטערן אויף די העכסטע בערג-שפּיצן און נידערן אין זיינע טיפסטע אָפּגרונטן, — נאָר דיין אייגענע שוואַכקייט וועסטו נישט באַזיגן און דעם אייגענעם טויט — נישט באַוועלטיקן...

* *
*

דאָס לעבן איז די אייגענע האַרמאָניע פון נעמען און געבן. ווען עס ווערט צעשטערט די דאָזיקע האַרמאָניע — הערט אויף דאָס לעבן.

נאָר איין מאָל לעבט מען אַדורך דאָס אייגענע לעבן און נאָר איין מאָל קענסטו געניסן פון לעבנס־פרייד.

* *
*

דער, וואָס האָט נישט קיין באַגערן, האָט נישט קיין הנאה פון לעבן. נאָר דאָס נישט האָבן קיין פאַרלאַנגען איז אויך אַ באַגער.

* *
*

דער רייכסטער אוצר איז דער אוצר פון די אייגענע געדאַנקען. נאָר אויך דעם נעמסטו נישט מיט אויף דיין לעצטן וועג.

* *
*

ווי נאַריש איז די אויפגעבלאָזענע גאווה פון גרויסן הערשער. ווען זיין צייט וועט קומען, וועט ער אויך פאַרלייכט ווערן גלייך ווי זיין קנעכט.

* *
*

אין דער פוסטקייט קען אפילו נישט וויינען דער ווינט.

* *
*

דאָס לעבן אַליין איז דער גרעסטער ווירטואָז.

* *
*

דאָס לעבן איז נישטיק, נאָר דער טויט איז נאָך אַ גרעסערע נישטי־קייט...

* *
*

ליבע, פאַנטאַזיע און האָפנונג זענען דער נר־תמיד פון לעבן.

דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַ בליץ־שטראַל אין אומענדלעכקייט פון באַשאַף. די טעג זענען ווי גאָרנישט־רגעס אין אַן סופיקייט פון צייט.

* *
*

גרעסער איז דער בראָך פון לעבן, ווי דער בראָך פון טויט.
דאָס פאַרליימען פון בעל־חי איז די גרויל־אַנטפּלעקונג נישט פון טויט, נאָר פון לעבן.

* *
*

דאָס לעבן איז ווי אַ שיפל געלאָזט איבערן טייך. עס האַלט זיך קוני־ציק אויף די כוואַליעס.
ווען ס'וועט אָבער קומען די צייט, וועט עס פון די זעלבע כוואַליעס פאַרשלונגען ווערן אויף אייביק...

* *
*

עס טרעפט, דו געפונסט דאָס וואָס דו זוכסט נישט. אויך אונדזער לעבן איז אַ געפונס, וואָס מיר האָבן נישט געזוכט.

* *
*

דאָס געפאַנג האָט זיין יעגער. די נעץ איר געפאַנג. נאָר די נעץ פון לעבן קען נישט איר יעגער.

* *
*

אין דיינע שלעכטע שעהן מענטש, וואַרף זיך אין די אָרעמס פון די פאַרשיכורנדיקע סימפאָניע פון זיין...

* *
*

דער זין פון לעבן איז אין לעבן גופא...

די נישטיקייט פון לעבן קען דיר נישט געבן קיין טרייסט, אַוודאי נישט — די נישטיקייט פון טויט. נאָר אַז דו גלויבסט אין דער אייביקייט פון דער וועלט, בלייבט דיר די איינציקע טרייסט: אין איר אַריינצושטאַרבן.

* *
*

צוויי מאָל גייט דער מענטש אַדורך דורכן טויער פון אייגענעם לעבן: איין מאָל, ווען ער רייסט זיך אָפּ פון דער מוטערס טראַכט און דאָס צווייטע מאָל — אויף אייביק נישט צוריקצוקומען.

* *
*

ס'איז אַלץ איינס: צי צעריבן ווערן פון די שטורעמדיקע כוואַליעס פון לעבן, צי פון זיין רואיקן שטראָם.

* *
*

דער אָטעם פון דער לופט קען נישט נאָר צעשטערן, נאָר אויך אַריינברענגען אין אונדז לעבן.

* *
*

אַלץ גיט און נעמט אָפּ, נאָר דעם פרייז, וואָס מיר צאָלן מיט אונדזער לעבן, איז אַ צו גרויסער.

* *
*

נאָך אין דער שטילקייט פון אונדזער וועזן וועקט זיך שוין דאָס האַרץ פון אונדזער לעבן.
נאָך אין דער תפיסה פון דער מוטערס לייב קומט אויף דער צער און פיין פון דער וועלט.

פונקט ווי דאָס מענטשלעכע לעבן איז נישט אייביק, איז אויך דאָס גליק נישט אייביק. נאָר אויך אין דעם איינעם לעבן האָט נאָך קיי־נער נישט געפונען קיין גליק.

* *
*

דאָס לעבן איז זייער איינפאַך, — נאָר ווער פאַרפּלאָנטערט אונדז די טעג, און האַלט אונדז אין פיינלעכן שלייער פון סודותדיקייט?

* *
*

דאָס פרייידיקע געפיל צעגיסט זיך ווי אַ זוניקער שטראָם איבער אַלע קעמערלעך פון לעבן.

די שיכּרות פון ווייַן לייגט זיך ווי אַ שווערער נעפל אויפן לעבן.

* *
*

אונדזער לעבן לאַסט אויף אונדז; ווי אַ שווערע משא. און וואַקלע־דיק איז אונדזער טריט צוליב די פיל שטרויכלונגען אויפן וועג.

* *
*

דאָס באַשיינען דעם לעצטן וועג פון געשטאָרבענעם ווערט אים שוין גאָרנישט געבן, עס באַרואיקט נאָר דעם אומבאַהאָלפענעם געוויסן פון די לעבעדיקע.

* *
*

דער טויט נעמט צו וואָס דאָס לעבן גיט, נאָר די שנאה און די גאוה הערשן אייביק.

* *
*

נאָר איין מאָל איז אַדורך איבער אונדז דער באַשאַפנדיקער אָטעם און יעדע רגע געפונען מיר אונדזער לעבן אין זיך.

נישט נאָר דער ליכט־שטראַל רופט אַרויס דאָס לעבן, נאָר אויך דער מאָרגן־טוי וועקט דאָס לעבן פון די שפּראָצונגען.

* * *

אונדזער לעבן איז פּוסט און לער אונדזערע טעג זענען אָן אַ זין. לאָמיר זשע עס אָנפילן מיטן זין פון שאַפנדיקער פרייד און באַוועריטיקן דערמיט אונדזערע טעג.

* * *

דער קאַפּיטאַן, וואָס זאָרגט פאַר זיין שיף, פירט זי צו אַ רואיקן ברעג און פאַרוואַרפט אויף אָפּרו דעם אַנקער. נאָר אונדזער ברעג איז אַזוי שטורעמדיק און קיינער פאַראַנקערט נישט אונדזער שיף, אפילו אין דער קורצער צייט פון אונדזער לעבן.

* * *

כדי דער ים זאָל זיין פול — מוז ער אַלע שטראָמען אין זיך באַהאַלטן. כדי דער פּלוס פון לעבן זאָל דויערן אייביק — מוזן אַלע לעבעדיקע אין אים אַריינשטאַרבן.

* * *

דער דאָרשט פון אונדזער לעבן ווערט געשטילט דורך דער שפע פון שפייז, געשפאַנטקייט פון די דערוואַרטונגען און זיסקייט פון די דערפילטע באַגערן.

* * *

דורך דער אומשטערבלעכקייט ווערט אַנטפּלעקט די שטערבלעכקייט. דורך דער גבורה — די שוואַכקייט פון לעבן.

דער קעניג מאָנט זיין מס — אַ טייל פון דעם, וואָס דער שניט גיט, נאָר אונדזער גרויסער קעניג מאָנט דעם גאַנצן שניט.

* * *

פאַרן לעבעדיקן קען דיר דער פאַלשער קאָמפּלימענט אויך עפּעס קאָסטן; פאַרן טויטן — וועלן דיר אַלע דיינע שבחים שוין גאָרנישט קאָסטן.

* * *

צוליבן טויט באַוויינען מיר דאָס לעבן און מיטן לעבן באַוויינען מיר דעם טויט.

* * *

דאָס טויער פון לעבן איז אייביק אָפן.
מיט אימפּעט רייסן זיך די מענטשן אין אים אַריין, און מידע גייען זיי דורך אים צוריק. נאָר דער טויער־היטער אַליין איז אייביק וואַך און ווערט קיינמאָל נישט מיד.

* * *

די לאַסטן פון אונדזער לעבן דריקן אויף אונדז ווי שווערע קייטן. מיר מוזן לויזער מאַכן דעם דרוק, נאָר נישט אינגאַנצן זיך באַ־פרייען פון זיי, כדי נישט צו פאַלן אונטער דער נאָך שווערערער משא פון דער אייגענער פוסטקייט.

* * *

אַסך זענען די שפּילצייג פון לעבן, זייער ווערט איז גרויס, און אין אַלעם געפונען זיי זיך, און דאָס לעבן ווערט אויסגעשפּילט דורך דער סימפאָניע פון די קליינע שפּילערייען, פונקט ווי פון די גרויסע...

דורכן טויט קומט די שאַפונג; דורכן חורבן — דער אויפבוי און די פרייד — דורכן נסיון פון אומגליק.

* *
*

דער מידער אַרבעטער, וואָס רייסט איבער זיין אַרבעט, קומט נאָכן אָפּרו צו איר צוריק.
נאָר דער מידער מענטש קומט שוין קיינמאָל נישט צוריק צו זיין לעבן, ווען עס ווערט איבערגעריסן.

* *
*

דאָס לעבן איז אַ טונקעלער לאַבירינט. נאָר בעסער דער טונקעלער לאַבירינט פון זיין, ווי דער נאָך מער טונקעלערער — פון נישט זיין.

* *
*

אַלץ אין מענטש פאַרשווינדט צוזאַמען מיט אים, נאָר די צעפּאַלעניש קומט נאָכן טויט.

* *
*

דער מיראַזש פון לעבן האַלט אונדז אין זיין צוואַנג. פאַרבלענדט פון דער דאַזיקער שפּיל גייען מיר ביז צום סוף אַנטקעגן אונדזערע אייגענע טעג.

* *
*

צוליבן ווערן דערהאַלטן דעם אייגענעם מין — איזאָלירן זיך אויך אַלע מינים באַשעפענישן. זייער „לעבנס־חכמה" איז אַ רעזולטאַט נישט פון אַ זעלבסט־באַוואוסטזיין, נאָר פון אַ בלינדן לעבנס־אינסטינקט.

אַלץ איז איינס און אַלץ איז אין איינס, די זאַכן און דערשיינונגען זענען בלויז פאַרשידענע אופנים פון דעם איינציקן זיין, איז אפשר גאָר קיין טויט נישטאָ און אויך די נישט־לעבעדיקע נאַטור, איז נישט מער ווי אַזאַ מאָדוס פון דעם אחדם זיין?

נאָר דאָך וואָלטן מיר געוואָלט בלייבן ביים מאָדוס פון לעבעדיקן זיין, ווי פון נישט לעבעדיקן...

* *
*

אויב ס'איז אמת, אַז אַלץ גייט צוריק אין איינס און דער טויט גיט דאָס, וואָס דאָס לעבן האָט נישט געגעבן — איז דאָך דער טויט נישט קיין שלעכטס, נאָר אַן אויסלייזונג?

* *
*

לעבן איז עמפונדן אין פילן.

הוילער איצט איז די קעגנוואַרט, פאַרגאַנגענהייט איז פאַרברענט לעבן, צוקונפט — נאָך נישט קיין אָנגעצונדן לעבן.

* *
*

נאָר אין איין ריכטונג — צו זיין לעצטן ברעג — שווימט דער מענטש כסדר פאָראויס.

* *
*

נישט נאָר ביינאַנד קעמפן מיר, נאָר אויך מיט זיך אַליין. די באַגערן און פאַרלאַנגען אין אונדז צעקריגן זיך און מאַכן שלום און וואָלט דער שלום נישט געקומען — וואָלט פאַרשוואונדן אויף אייביק דאָס לעבן אין אונדז.

לעבן און באַוואוסטזיין זענען ווי פּאַראַלעלע שטראָמען און ווי איינס, ווי ליכט מיט שיין. ווי דאָס ליכט גיט דעם שיין, גיט דאָס לעבן דעם באַוואוסטזיין, און דער יסוד פון זיי ביידע איז דער לעבנס־אינ־סטינקט וואָס סטימולירט דאָס לעבן.

* *
*

מיר טראָגן אונדזער לעבן מיט דעם אַלעם וואָס געפינט זיך אין אונדז. עס האַלט אונדז דער באַוואוסטזיין מיט אַלע זיינע שטראָ־מען. געדאַנקען פאַרשווינדן, און אַנדערע קומען אויף זייער אָרט, ביז אַלץ פאַרשווינדט צוזאַמען מיט אונדז.

* *
*

מיר שטייען ביים טויער פון אייגענעם לעבן מיט אונדזערע אייביקע באַגערן וואָס ווערן נישט דערפילט, און דער לעבנס־דאָרשט גליט אין אַלע קעמערלעך פון אונדזער גוף.

* *
*

דער וואָרעם פון נאָגעניש געפינט זיך שטענדיק אין אונדזער האַרץ. אַלץ איינס: צי נאָך די דערוואָרבענע רייכטימער פון אונדזער פאַר־לאַנגען, צי אין דער אָרעמקייט פון די נאָך נישט דערגרייכטע באַ־גערן. האַלט אָן די נאָגעניש ביזן צעפאַלן ווערן פון אונדזער האַרץ, ווי אַ צעטרעטענע צעפוילטע פרוכט.

* *
*

אונדזער האַרץ פלאַטערט אין פלי פון אייגענעם לעבן; אין אייגע־נעם ריטעם, הערן מיר דעם שאָרך פון די פליגל; מיר ווייסן נישט ווען און פאַרוואָס, נאָר אין איינער אַ שעה וועלן די פליגל ליגן מאַכטלאָז, ביי די פוס פון טויטן פויגל.

ווירקן איז — דערקענען זיך אַליין; אויך גאָט האָט זיך דערקענט דורכן באַשאַף.
ווירקן איז — די דינאַמיק פון לעבן.
אויפהערן ווירקן איז — זיך אַליין פאַרלייקענען.
אויך דער טויט איז אַ ווירקן. נאָר אויף אַ פאַרקערטן אופן: אַרויס־צורופן אַ ניי לעבן דורך דער צעפאַלעניש פון לעבן...

* *
*

וויי, וויי איז אונדז! די צייט פון אונדזער לעבן איז נישט אייביק און מיר, די געפאַנגענע אין דער טונקעלער תפיסה פון אייגענעם זיין, ווייסן נישט, צי וואָס איז אונדזער לעבן און וואָס איז זיין שליחות? ווי לאַנג ס׳געדויערט אונדזער דאָ־זיין ווילן מיר דאָס וויסן.

* *
*

דורות זענען געווען פאַר אונדז, ווי זיי וועלן זיין נאָך אונדז. קיי־נער האָט נישט געקענט ענדערן דאָס לעבן.
לאָמיר זשע נישט פטרן די כוחות און שלום מאַכן מיטן לעבן. מיט אַ לעבן פון שיינקייט און גוטסקייט, אמת און וויסן, אין שלום און אין שלווה.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

שפּריכווערטער

ווען דער ים שטורעמט דערוויייטער זיך פון זיין ברעג.

* * *

אינעם שפּיגל זעסטו נאָר דיין פּנים.
דעם אייגענעם גייסט ועסטו אין קיין שפּיגל נישט זען.

* * *

ביזט איבער זיך דיין אייגענער בעל־הבית, נאָר נישט דיין הערשער.

* * *

אַנטבלויז נישט אַלץ אויף איין מאָל, לאָז עפּעס איבער אויך אויף שפּעטער.

* * *

דאָס קערנדל איז אין דער פרוכט, ווי די פרוכט איז אין קערנדל.

* * *

די שווערסטע משא, וואָס דער מענטש טראָגט איז — זיך אַליין.

* * *

אַלץ איז פאַרן מענטש, אויסער דער מענטש אַליין.

אַ נישט דערפילטער באַגער איז ווי אַ דורשטיקער לעבן אַ פאַר־סמטן ברונעם.

* *
*

דאָס פּאַסיווע און אַקטיווע קומען פון מעגלעכן, פון אוממעגלעכן קומט דאָס פּאַסיווע אויך נישט.

* *
*

די שכחה איז די אויסלייזערין פון יעדער שווערקייט פון לעבן.

* *
*

דער ערב־שבת באַפליגלט מער ווי דער שבת.

* *
*

צוויי גלייכע ווערטן קענען דורך זיך אַליין נישט געשאַצט און דערקענט ווערן.

* *
*

אין דער צייט געגעבן איז אַלץ געגעבן. נישט אין דער צייט — איז ווייניק געגעבן. נאָך דער צייט — איז גאָרנישט געגעבן.

* *
*

איינער מאָנט נישט דאָס, וואָס ס'קומט אים, אַ צווייטער מאָנט אויך יענעמס.

* *
*

פאַראַנען אַזעלכע, וואָס קענען נישט מאַכן קיין אייגן שטיקל אַר־בעט, נאָר יענעמס פאַריכטן זיי.

אַנדערע זענען מייסטערס פון זייער אייגענער אַרבעט, נאָר אויף יענעמס קענען זיי זיך נישט.

גאָר אַנדערע קענען זייער אייגענע אַרבעט און אויך יענעמס פאַר־שטייען זיי.

איידער דו מאַכסט דעם שפּרונג, מעסט אוים דעם כוח.

**
*

שטעל נישט אוים קיין חשבון, ווען דו קענסט נישט דיין בעל חוב.

**
*

נעם צו דעם קאָמפּלימענט פון דיין פריינט, נאָר האַלט חשבון מיט אים.

**
*

ווען ס׳גיט זיך דיר עפּעס נישט איין — זיי זיך נישט מיאש, פּרואוו אַ צווייט מאָל. ווען אויך דאָס צווייטע מאָל געלינגט נישט — בייט דעם אַרבעט־אופן.

**
*

כדי צו ווערן אַן עניו מוז מען אויך באַזיצן אַביסל גאווה. אויך די עניוות קומט נישט אין דער שטיל.

**
*

צופיל עניוות איז אויך אַ גאווה...

**
*

בעסער געניסן פון דער זיסקייט נאָכן מידן טאָג, איידער די גרינג־קייט פון גאָרנישט טאָן.

בעסער די האַרטע קלעפּ פון אָנשטרענג, איידער פון פוילקייט און געלעמטקייט.

**
*

בעסער אַ האַרץ וואָס איז פול מיט גלויבן, איידער אַ צעפּרעסנס דורכן וואָרעם פון ספקות.

בעסער שטיל דיין תאווה מיט דעם, וואָס דו האָסט, איידער איר רייצן צו דעם, וואָס דו קענסט נישט דערגרייכן.

* * *

ווען דיין פריינט מיידט דיך אויס — באַטראַכט דיינע מעשים, ווען ער קריכט דיר אין די אויגן — באַטראַכט דיינע מעגלעכקייטן.

* * *

באַהאַלט דיינע מיסדערפאָלגן אפילו פאַר דיין פריינט. אויך ער האָט זיי נישט ליב.

* * *

דערפאָלג האָבן אַלע ליב. אפילו די וואָס גלויבן נישט אין אים.

* * *

זוך נישט קיין ווירדע ביים אָרעמאַן, קיין קאַרגשאַפט ביים גנב און ביים שטאַרקן קיין יושר.

* * *

ווען ס'ווייזט דיר ווער אַרויס אַן איבערטריבענע העפלעכקייט — זיי גרייט צו יענעמס פאַרלאַנגען.

* * *

ווען דו קענסט גאָרנישט געבן און מענטשן מיידן דיך אויס — נעם דאָס אויף ווירדיק.
קיין זאַך ווערט נישט געגעבן אומזיסט, אפילו פריינטשאַפט.

* * *

ווען דו דאַרפסט עפּעס, זאָלסטו אויך דיין אינטימסטן פריינט נישט באַלעסטיקן צופיל מיט דיינע פאַרלאַנגען.
וועסט אים ווערן איבערדריסיק און ער וועט דיך אויסמיידן.

בעסער דער שוואַכסטער פריינט איידער דער קלענסטער שונא.

* *
*

זיי דער ערשטער אין פריינטשאַפט און אין פיינטשאַפט אויך נישט דער לעצטער.

* *
*

בעסער אַ קליינע ווירקונג איידער גאָרנישט ווירקן.

* *
*

בעסער דאָס גוטע וואָרט אָן טאַט איידער דאָס שלעכטע אַפילו אָן מעשים.

* *
*

„נישטאָ קיין שלעכטס אָן גוטס" — נאָר ווען מען עס דערגרייכט גאָר דאָס שלעכטס — דערוואַרט זיך שוין נישט אויף קיין גוטס.

* *
*

בעסער אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ איידער אַלץ דערשטיקן צוזאַמען מיטן האַרץ.

* *
*

באַטראַכט גוט די שבחים פון דיין פריינט. אַ טייל וואַרף גלייך אַוועק און פון איבעריקן — שייל נאָר אַרויס דעם קערן פון אמת.

* *
*

משפט נאָר לויט דער כוונה פון מענטשנס רייד און מעשים. אַמאָל רעדט מען און מען טוט וואָס מען איז געצוואונגען. און אַמאָל קומט אַרויס דאָס וואָס מען האָט נישט געמיינט.

מיטן איבערטרייבן דעם פריינטס מעלות ווערסטו אים נישט פאַר־לירן, מיטן מגזם זיין זיינע חסרונות שאַפסטו אים אומזיסטן צער און זיך — אַ פיינט.

* * *

הער אויס אויפמערקזאַם דיין חברס עצה, נאָר נאָך דעם באַראַט זיך מיט זיך אַליין.

* * *

דריק צו צו דיין האַרץ דאָס וואָס דו האָסט ליב, נאָר דאָס וואָס דו האָסט נישט ליב — שטויס אויך נישט אָפּ.

* * *

נישט איין מאָל מוז דער לייב שלום מאַכן מיטן פוקס און נישט איינמאָל פרעגט די חכמה ביי דער נאַרישקייט.

* * *

נישט אַלץ וואָס גלאַנצט איז גאָלד און נישט אַלע פערל איז גרינג צו טראָגן.

* * *

צופיל זיסקייט מאַכט דעם גימען ביטער און צופיל רייכקייט צע־שטערט די רו.

* * *

דעם אַוועקגעגאַנגענעם טאָג באַטראַכט, ווען די נאַכט קומט אָן.

* * *

פרייע ליבע האָט פרייהייט, נאָר נישט קיין ליבע. עכטע ליבע האָט ליבע, נאָר נישט קיין פרייהייט.

צופיל ליכט שטעכט אוים די אויגן און אַ צו שיינע פּרוי מאַכט צום נאַר.

**
*

שוין אין דער מידקייט ליגט די זיסקייט פון אָפּרו.

**
*

אַלץ וואָס דער מענטש טוט, איז נאָר פאַר זיך, אפילו דעם קרעכץ פאַר יענעמס אומגליק.

**
*

ווען די זאַך איז דאָ, פילט מען נישט איר ווערט, ווען זי ווערט פאַר־לוירן — דערפילט מען ערשט דעם פאַרלוסט.

**
*

ווען דו קאָנסט נישט לעשן דאָס פייער צעבלאָז נישט דעם פלאַם.

**
*

אַן אַלטע געוואוינהייט עסט זיך איין ווי זשאַווער.

**
*

פאַרזשאַווערט אייזן שמעלצט מען איבער, און אַ שלעכטע גע־וואוינהייט ברעכט מען איבער מיט אַ נייער.

**
*

ווען דו לייזסט נישט דעם גאַרבערס ריח גיי נישט אין זיין הויז.

**
*

אַ פרעמדע בעט וואַרעמט נישט, און יענעמס צרה מאַכט די איי־גענע נישט גרינגער.

אַ פרישע צרה איז שווער צו טראָגן, נאָר אַן אַלטע טראָגט זיך שוין אַליין.

* *
*

אַ גוטע פרוי איז אַן אוצר אין שטוב, אַ שלעכטע — אַן אומגליק אין שטוב.

* *
*

צופיל אַרבעט פאַרמאַטערט, צופיל זאָרג צערט אויס דעם גוף.

* *
*

אַ מיאוסן האַלדז װעלן די שענסטע פערל נישט באַשיינען.

* *
*

ביי דער ערשטער זינד פייניקט דאָס געוויסן, ביי דער צווייטער — פייניקט מען דעם געוויסן, ביי דער דריטער איז שוין קיין געוויסן אינגאַנצן נישטאָ...

* *
*

די ליבע בישופט ווען מען זעט זי נישט.

* *
*

דער סוד איז טיף ווען דו קאָנסט אים נישט.

* *
*

דער רייץ לאָקט פון זיין באַהעלטעניש.

* *
*

אַ הונט לויפט אַנטקעגן דעם בעל־הבית, אַ פערד שטעלט זיך אָפּ פאַר זיין בעל־הבית, און אַן אייזל רירט זיך באַלד נישט פון אָרט...

אַ פּריש באַליידיקטן פרעג נישט באַלד וועגן זיין באַליידיקונג.

*****

אַנטלויף פון אַ פאַלשן חבר ווי פון אַ שלאַנג. פונקט ווי די שלאַנג איז די טבע פון פאַרעטער — ביידע באַפאַלן הינטן אַרום.

*****

צום אָפּגרונט פון שנאה פירט אויך דער פינצטערער וועג פון קנאה.

*****

זיי נישט קיין מיטל פאַר קיינעם: און זע אויך אין דיין חבר — נאָר אַ צוועק פאַר זיך.

*****

אַ נאַר ווען ער האָט מאַכט, בוקט מען זיך אויך צו אים.

*****

אויף דער באַק ווען ער ווערט אַ פירער — גייען אים די שעפּסן נאָך.

*****

נישט דער איז קלוג וואָס האָט אָנגעזאַמלט חכמה, נאָר וואָס קאָן אויסנוצן די חכמה.

*****

לאַך נישט פון יענעמס נאַרישקייט, ווען דו ביזט פון דער אייגענער נישט פריי.

*****

דער וואָס ציילט נישט זיין פאַרדינסט — באַווייזט נישט זיין היזק.

אויך אין פוסטן חלל ווען מען וואַרפט אַ שטיין, פאַלט ער צוריק. —

* *
*

קוק נישט צו פיל אויף די וואונדן פון אַ צעשלאָגענעם.

* *
*

אויך די אייגענע כוחות אינעם מענטשן, פירן אַ קאַמף פאַר מאַכט.

* *
*

צופרידן זיין איז אונטערדריקן די אייגענע גיריקייט.

* *
*

אַ גרויס אויג איז דער גרעסטער שונא פון זיך אַליין.

* *
*

קענען גוט דעם חבר איז קענען זיך אַליין.

* *
*

נעם אַריין אין זיך אַלץ ווי אַ שוואָם. דאָס שלעכטע וואַרף גלייך אָפּ מיט עקל. און דאָס גוטע — גיב אַרויס אין דער צייט.

* *
*

בעסער צען מאָל טראַכטן איידער זאָגן איין וואָרט. בעסער צען ווערטער, איידער איין פעלערהאַפטער באַוועג.

* *
*

דאָס בעסטע מיטל פאַר קפיצת־הדרך, איז וועגן דעם נישט צו טראַכטן.

די בעסטע רפואה פאַר אַ קראַנקייט, איז מיט איר זיך נישט איבער־צונעמען.

* *
*

שבחים האָבן אַלע ליב אויך די וואָס פאַרדינען זיי נישט.

* *
*

אַ טייל זאָגן זיך אָפּ פון כבוד, כדי צו דערגרייכן צו אַ גרעסערן. —

* *
*

כעס, צעטומלט אויך דעם איידלסטן מענטש.

* *
*

אין פייער בויגט מען דעם האַרטסטן שטאָל, נאָר אַן אַלטן שיכור און פאַרברעכער וועסטו נישט איבעראַנדערשן.

* *
*

אַ צעלעכערטע כילה קען מען פאַריכטן, נאָר אַ צעלעכערט האַרץ וועסטו שוין נישט גאַנץ מאַכן.

* *
*

אויך דאָס קלאָרע קומט פון דער טונקלניש.

* *
*

קינדער נעמט מען — מיט שפּילצייג, פרויען מיט צירונג.

* *
*

די באַליבסטע זאַכן פון פרויען זענען: צערטלעכקייטן און פּאַ־טשערקעס.

* *
*

איפּערזיכטיקייט, איז נאָך נישט קיין באַווייז פון ליבע. —

דער נאַכט וואָרעם פילט זיך צום בעסטן אין דער פינצטער.

* *
*

דאָס בעסטע נישט צו פילן אַ בייזע מחשבה, איז איר צו פאַר־טרייבן פון זיך.

* *
*

דאָס קליינע איז קליין אויך אין אַ גרויסער נשמה.

* *
*

מען פראַוועט אַזויפיל „באַשיידענקייט", וויפל ס'איז נויטיק פאַר דער אייגענער גאווה.

* *
*

וואָס מער מען לויבט זיך אַליין אַלץ ווייניקער איז מען אים ווערט.

* *
*

ביי זיך איז יעדער שיין, אויך דער מיאוסטער הויקער.

* *
*

אַ בריליאַנט צווישן בריליאַנטן זעט מען נישט אַרויס.

* *
*

אַ מענטש הערשט, און ווערט איינצייטיק אַליין באַהערשט.

* *
*

האַנדל אין הסכם מיטן גערעכטן ווילן פון דיינע מיט־מענטשן.

* *
*

וואָס גרעסער די הויכקייט, אַלץ טיפער דער אָפּגרונט.

דער ערשטער טריט איז וואַקלדיק, דער צווייטער נאָך נישט זי־כער,ביים דריטן גייט זיך שוין אַליין.

**
*

דער וואָס פאַרבט זיין אייגן פנים, האָט גאָר קיין פנים נישט.

**
*

די מויז באַשפייזן מיר נישט, נאָר ווען זי זוכט אַליין איר שפייז, רופן מיר איר שעדיקערין.

**
*

די פרוי גליסט ווי דער מאַן. נאָר ווען דער מאַן גנבט זיך אַריין מיט זיינע באַגערן, דורך זיינע צערטלעכקייטן, — פירט אוים די פרוי איר גליסטן, דורך איר געמאַכטער צניעות און שעמעוודיקייט.

**
*

ווען עס רעדט די גליסטונג — שווייגן אַלע חושים.

**
*

דער נישט באַקאַנטער וועג איז אַ טאָפּלט לאַנגער, דער באַקאַנטער איז נאָר אַ האַלבער. —

**
*

ווערן געליבט, איז אַ מדרגה נאָר ליבן יענעם — אַ גרעסערע.

**
*

דער שטאַרקסטער באַשיצער איז די אייגענע גבורה.

**
*

בשותפותדיקע אינטערעסן פאַרבינדן שטאַרקער ווי די גרעסטע פריינדשאַפט.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

דיאַלאָגן

דער תּלמיד

דער תּלמיד האָט ביטער געיאָמערט: — „זיי האָבן מיך פֿאַרטריבן פֿון מיין טעמפּל, די אומגלויביקע“... צוגעריבט מיינע הייליקייטן“. דער גרויסער לערער האָט אים רואיק אויסגעהערט און געלאַכט:
— אויב דיין וועזן איז פֿול מיט ריינעם גלויבן — האָסטו דיין טעמפּל אין זיך אַליין; אויב דו טראָגסט דיינע הייליקייטן אין דיין האַרץ — ווער קען זיי באַרויבן? נאָר זיי, וואָס האָבן דיך פֿאַרטריבן, זענען געשלאָגן מיט זייער אייגענער בלינדקייט, זיי חוזקן איבער דיין גלויבן, נישט וויסנדיק אַז אויך אין זייער אומגלויבן איז פֿאַראַן גלויבן.

דער הייליקער

דער הייליקער האָט פֿאַרטריבן אַלע זיינע תּלמידים און זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין חדר־מיוחד. זענען די תּלמידים געשטאַנען ביי זיין טיר און געבעטן: „זיי אונדז נישט מצער, שייד זיך נישט אָפּ פֿון אונדז, גרויסער רבי“.
— „איר, וואָס האָט אין זינען נאָר זיך, אייער אייגענעם צער, קענט נישט זיין מיינע תּלמידים. איך וויל דעם גאַנצן צער פֿון דער וועלט אין מיר אַריינעמען און אין דאָזיקן לאָגל פֿול מיט ביטערניש פֿאַרמישן מיינע אייגענע טראָפּנס“ — האָט דער הייליקער געענטפֿערט.

דער גרויסער לערער

דער גרויסער לערער איז געזעסן ביי זיך אין צימער און געפֿאָרשט די ספרים פון די אַלטע צייטן.
פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען האָט ער נישט באַמערקט דעם אַריינקומענדיקן. ווען ער האָט אַ מידער אויפגעהויבן זיין בליק פון אונטער די פאַרוואָקסענע ברעמען, האָט דער אורח מיט גרויס דרך־ארץ געזאָגט:
— „גרויסער צדיק! אָרעם בין איך, זייער אָרעם, ווייז מיר דעם וועג פון רייכקייט אויף וועלכן איך זאָל גיין".
— „זוך נישט, מיין זון, קיין רייכקייט אויסער זיך. דיין רייכקייט איז פאַרבאָרגן אין דיין אייגענער אָרעמקייט, ווי איידל־שטיינער אין די ערד־טיפענישן. באַמי זיך אַרויסצוגראָבן די רייכקייט פון דער אייגענער טיפעניש".

דער גרויסער דענקער

פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען האָט דער גרויסער דענקער גע־וואַנדערט ביים ברעג פון ערגעץ־לאַנד.
טיף אין זיך קאָנצענטרירט דורך דער שטילקייט פון אייגענעם אַרום, — האָט ער געגאַרט זיך אויפצוהויבן איבער דער גרענעץ פונעם רוים און צייט.
בלאָנדזשענדיק איבער די אייגענע טונקעלע מרחקים, האָט ער גע־גליסט צו דערגרייכן דעם איבער־ערדישן — שטראָם פון זיין איי־גענער מחשבה.
ער האָט געוואָלט דערגיין צום אור־קוואַל פון אַלע זאַכן וואָס זענען אויסער אים.
און פאַרגאַפט אין אויסגייענדיקער תשוקה איבערצוטרעטן דעם אייגענעם וועזן, איז ער צוריקגעפאַלן אינעם פלאָנטער פון דער אייגענער ערדישער נעץ...

תלמיד און לערער

זיי זענען געזעסן ביים אַראָפּהאַנג פון די הויכע בערג. די צעגליטע זון האָט הפקרדיק צעוואָרפן אירע שטראַלן איבערן גאַנצן אַרום. אונטער זייערע פיס האָט זיך געשפּרייט אַ פּרוכטבאַרער טאָל. אַ לינד ווינטל האָט פאַר זיי אויסגעכישופט דעם איידעלן אַראָמאַט פון די אַקאַציעס און באַרג־בלימעלעך. אין דערקוויקנדיקן תענוג האָבן זייערע אויגן געזויגן די שיינקייט פון דער נאַטור, און איינגעזאַפּט דעם גן־עדן־ריח פונעם אַרום.

מיט גרויס באַוואונדערונג האָט דער תלמיד געזאָגט:

— „זע, לערער, ווי שיין דאָ איז".

„און איך באַגער בעסער די אינעווייניקסטע שיינקייט פונעם אייגענעם דערהויבענעם געפיל, ווי די באַוואונדערטע שיינקייט פונעם אַרום" — האָט דער לערער געענטפערט.

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

פאָלק און יידישקייט

פאָלק, מיין פאָלק! ביזט מיין אחד, מיין טרייסט און האָפענונג. דער עיקר פון מיין לעבן, פון מיין פיין און צער.
וואָלט דיין זיין נישט געווען רעאַל האָב איך נישט מער קיין רעאַלקייט אין מיין לעבן.
זאָלן די ספקות וועגן דיר נישט צערודערן מיין לעבן, אַריינוואַרפנדיק עם אין ליידיקייט און אין גאָרנישט.
איך זאָל זיך נישט דאַרפן בויגן אונטערן יאָך פון דיינע פיינט און אייגענע פאַרלייקענער פון מיין צעפּייניקט פאָלק. איך זאָל קענען האַלטן הויך מיין קאָפּ, פאָלק מיינס, איך, דיין זון און דיין דינער.

**
*

דעם אינדיווידואַליסט, דעם אַנדערשדיקן האָט מען נישט ליב.

**
*

צווישן מענטשן זענען פאַראַן באַזונדערע יחידים. אויך ביי פעלקער זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס גייען זיך זייער אייגנאַרטיקן, באַזונדערן וועג.
אַזאַ פאָלק, איז אַ נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, אַ באַזונדערע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט. אַזאַ איז דאָס יידישע פאָלק.

אַלץ וואָס טיילט זיך אויס האָט מען פיינט.
דעם גרויסן מענטש גיט מען אָפּ כבוד, מ׳האָט פאַר אים העכסטנס דרך־ארץ, נאָר נישט ליב, און ווען עס קומט נאָך צו קאָנקורענץ, קנאה — גייט די קאַלטע פאַרערונג אַריבער אין שנאה.

* *
*

אין פיזיש־ביאָלאָגישן לעבן פון מענטש איז פּונקט ווי אין גייסטיקן פאַראַן אָנשטעקענדיקע קראַנקייטן. איינע פון זיי איז דער פּסיכאָז. יידן־פיינטשאַפט איז אַ גייסטיקע אָנשטעקנדיקע קראַנקייט. אַ מאַסן־פּסיכאָז. היילן זי קען מען נאָר דורך אַ צווייטן מאַסן־פּסיכאָז פון וויסן און ליבע.

* *
*

די בעסטע דעפיניציע פאַרן אַנטיסעמיטיזם (אַנטי־יודאַאיזם) האָט געגעבן המן: „אַ פאָלק צעשפּרייט צווישן פעלקער, מיט באַזונדערע געזעצן און שטייגער".
מיר וואָלטן געקענט דעם גאַנצן זאַץ רעדוצירן צו איין וואָרט. בלויז אין דעם איינעם וואָרט ליגט די גאַנצע דערקלערונג פאַר דער יידן־פיינדשאַפט. דאָס איז אחד. („ישנו עם אחד") אין דעם ליגט אונדזער נאַציאָנאַלע טראַגיק און דערהויבענקייט.
ווי דער עיקר אַטריבוט אין אַן אחד־גאָט ליגט אין זיין איינציקייט, איז די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט פון יידישן פאָלק אין זיין איינציקייט. אַ באַזונדער פאָלק מיט אַ באַזונדערן גייסטיקן דרך.
ווי מ׳קען נישט טיילן גאָט־אחד, קען מען נישט טיילן דעם עם אחד. נעמט צו דעם אחד פון עם — ווערט אויס יידיש פאָלק.

פרויד מיינט, אַז משה איז געווען אַן עגיפּטישער פּרינץ.
דער חומש אַליין דערציילט, אַז ער איז גענומען געוואָרן אין פּרעהס הויף. איז מאַקע די גרויסקייט פון משהן נאָך גרעסער און זיינע אידעען נאָך שטאַרקער. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס גרינגע לעבן פון אַ קעניגלעכן דערציִגלינג, און אויסגעקליבן דאָס שווערע פון אַ דערציִער ביי זיינע פּאַסטוכער־ברודער. און זיינע אידעען זענען אַ רעזולטאַט פון אַ פרייען אויסוואַל צווישן דעם נידעריקערן עגיפּטישן באַנעם און העכערן באַנעם פון זיינע אָבות.

* * *

פאַראַן צוויי סאָרטן מענטשן: איינע האָבן נאָר חומרדיקע באַדערפענישן, און צו דעם באַגרענעצן זיך זייערע זאָרגן.
די אַנדערע האָבן אויך גייסטיקע באַדערפענישן און אַלע זאָרגן פון גייסט זענען זיי נישט פרעמד. זיי זענען מענטשן אויך לויט זייער וועזן.
אויך יידן זענען פאַראַן צווייערליי: אַ טייל זענען יידן נאָר לויטן אָפּשטאַם. זיי טראָגן זייער יידישקייט, ווי אַן אָנגעוואָרפענע לאַסט; זיי האָבן נישט קיין גייסטיקע און געפילן־פאַרבינדונג מיטן יידנטום. און די אַנדערע — זענען יידן מיטן געפיל און באַוואוסטזיין, געקניפּט און געבונדן מיטן יידנטום, יידן אין פאָרעם און אין וועזן.

* * *

וואָס גאַנצער, פולער ס'איז די יידישקייט איז אַלץ בעסער און גרינגער צו טראָגן דעם עול פון איר.

ווי מאָדנע. אַ טייל יידן זוכן נאָר מיסיעס פאַרן יידישן זיין. אָן שלי־חותן פאַר אַנדערע קענען זיי זיך נישט פאָרשטעלן דאָס יידישע פאָלק. עס פאַלט זיי גאָרנישט איין, אַז קודם־כל לעבן מיר פאַר זיך אַליין. פאַר אונדזער אייגענער שליחות.
ערשט דורך אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן וועלן מיר זיך אַליין באַזיניקן, — און דורך דעם געבן אַ זין אויך פאַר אַנדערע.

* * *

אַ נאַציאָנאַלער ייד דאַרף זיך זאָגן: — איך בין אַ ייד, נישט ווייל איך האָב נישט קיין ברירה, נאָר ווייל איך האָב ליב מיין פאָלק; איך בין אַ ייד מיטן גאַנצן האַרץ; איך בין אַ ייד, ווייל עס געפעלט מיר די יידישקייט; דער יידישער באַנעם איז נישט ערגער ווי אַנ־דערע (אויב נישט בעסער); איך בין אַ ייד מיטן באַוואוסטזיין, אַ ייד לויטן אָפּשטאַם, איך פאַרער מיין שטאַם, ווי אייגענע טאַטע מאַמע.
וואָס מער מען פייניקט מיך — אַלץ מער גליט אין מיר די תשוקה צום אייביקן זיין. דער יידישער וואויל איז מיין זיסקייט.
די נאַציאָנאַלע שטאַרקייט — מיין פערזענלעכע אַמביציע.

* * *

די נאַציאָנאַלע דריי עיקרים זענען: אַ ייד מתוך אהבה, מיטן גע־פיל. אַ ייד מתוך הכרה, מיטן באַוואוסטזיין. אַ ייד מתוך גזע, לויטן אָפּשטאַם.

אויך פאַר די באַזונדערע תפוצות וואָלט איך געוואָלט אַביסעלע איבערלאָזן...

יעקבס טאַקטיק פון „ויחץ את המחנות" איז גאָרנישט אַזוי נאַריש. ס'איז אויך נישט קיין חסרון קעגן אַנטיסעמיטיזם.

ווען די נישט־יידן זיין צופרידן פון די געבליבענע יידן — וועט עס הויבן אונדזער פּרעסטיזש. טאָמער נישט — וועלן מיר דאַן זאָגן: דאָס איז נישט דער בעסטער טייל; די גוטע זענען טאַקע אַוועק צו זיך אַהיים.

* * *

טויזנטער יאָרן אין פאַרטיידיקונג, דאָס איז אונדזער אומגליק. אַ שונא פאַרניכטעט מען נאָר אין אָנגריף.

אויב שוין יאָ קידוש השם — פאַרוואָס נישט אַקטיווער?

* * *

אַ קריסט וואַרפט פאָר אַ ייד, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אַ קרעמעריש פאָלק. ענטפערט אים דער ייד: — „ווי זענען מיר קרעמעריש, ווען מיר האָבן אייך געגעבן איין גאָט און איר האָט פון אים געמאַכט דריי, מיר האָבן אים אייך געגעבן אומזיסט און איר גיסט אים אָפּ אין זילבער און גאָלד".

ענטפערט דער קריסט: — דערפאַר טאַקע האָט איר אים אונדז געשענקט, ווייל איר קענט אים נישט פאַרקויפן.

— וואָלט אייערע ווי אונדזערער, געווען פון זילבער און גאָלד — וואָלט איר אים שוין לאַנג פאַרקויפט.

ביי יעדן מענטש נורטעוועט אין די טיפסטע טיפענישן אַ ווילן צו בלייבן; נישט צו פאַרשוואונדן. — דער יחיד איז דעריבער פאַר־אינטערעסירט אין דער אייביקער דורות־פאַרקייטלונג פון זיין פאָלק.

אין דעם אומענדלעכן פליסיקן שטראָם פון זיין פאָלק — וויל ער אויך זיין אייגענעם טראָפּן באַהאַלטן...

* *
*

אין דער אייביקייט פון פאָלק, זענען פאַראינטערעסירט נישט נאָר דער יחיד, נאָר אויך די נאַטור ווי אַ מיטל פאַרן קיום היש. —

* *
*

די אומזיכערקייט מיטן המשך פון דער יידישער משפחה, דאַרף שטויסן יעדן ייד צו פאַרפעסטיקן דעם קיום־האומה.

* *
*

אַסימילאַציע איז נישט נאָר אַ פאַרברעכן קעגן דעם אייגענעם פאָלק, קעגן דער אייגענער חשיבות — נאָר אויך קעגן דער נאַטור.

* *
*

יידישקייט איז אויסגעאַרבעטע פאָרמען פון לעבן, שטייגער, אויפ־פיר, צוגעפּאַסט צום יידישן גייסט און זיינע געוואוינהייטן.

* *
*

קיום־האומה איז אַ ציל פאַר זיך.

* *
*

קבוץ גלויות איז גוט; קבוץ כל הגלויות וואָלט איך נישט געוואָלט. איך וואָלט וועלן איבערלאָזן אַביסל אַרבעט אויך פאַר משיחן.

ביכער פון יעקב כהן:

דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער (שילדערונגען). ביאַליסטאָק, 1930.
אין און אַרום ציוניזם (אָפּהאַנדלונגען). ביאַליסטאָק, 1932.
פון אייגענעם גאָרטן (אַפאָריזמען און לידער). פּאַריז, 1949.
אויף די וועגן פון יידישן קיום (עסייען). פאַרלאַג צעראַטאַ, פּאַריז, 1950.
לאַבירינטן פון געדאַנק (אַפאָריזמען און שפּריכווערטער)
פאַרלאַג טשאַפּניק, פּאַריז, 1951.

ס'גרייט זיך צום דרוק:

1. **דער בראָך פון מיין פאָלק** (לידער און פּאָעמעס פון לעצטן חורבן)
2. **שריפטן.**

פאַרפאַלגעוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

1. **פון זיך** (לעבנס־באַטראַכטונגען אין פרייען פּערז) אין ביאַליסטאָק.
2. **מיט די כוואַליעס פון לעבן** (ראָמאַן) אין ביאַליסטאָק.
3. **ערשטע פּרוכטן** (לידער) אין ביאַליסטאָק.

IMPRIMERIE « E. P. » 232, rue de Charenton PARIS-XIIe